# אז די פארצווייפלונג איז גרויס

ווערטער פון שמואל וואהיט, מוזיק — מאיר באגדאנסקי



אז די פארצווייפלונג איז גרויס,
דו פילסט אז אלעס עקט זיך,
פאכט דאס הארץ, דער מוח ברענט,
דיין שאטן אפילו שרעקט דיך.

קומט האפנונג ווי זאנפטער טוי,
ס'ברעכן זיך העלע שטראלן,
שוין פון ווייט ווונקט דיר א טרייסט:
ס'איז נאך גארניט פארפאלן.

שפינען זיך פורפור ניואנסן,
וואס קוויקן וואס באלעבן.
מוטיקט עס, שטארקט דיין גייסט,
שפינט זיך גינגאלד געוועבן.

יעדן שבת 3 אזייגער אין בערנער סטר. א.1. יידיש־ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס — אלע זיינען איינגעלאדן — איינטריט פריי.

299

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 11־12 (העפט 393־94) 32־סטער יאר נאוו.־דעצ. 1971, לאנדאן

אינהאלט:

חנוכה־און צייט לידער, אדאם מושקא אין בן־אורי, דר. ישראל פעלדמאן
אין סירל ראס בני שמונים עד מאה ועשרים ...... ...... ...... *** 3
נס גדול היה שם יוסף וויינשטיין 10
לכבוד חנוכה ...... ...... ...... ...... ...... אסתר ערליכמאן 14
חתונה־ליד ...... ...... ...... ...... ...... אייזיק גאלדבערג 15
ווער איז ווער? ...... ...... ...... ...... ...... יחזקאל קארנהענדלער 15
באנקראטירט (ליד) ...... ...... ...... ...... עלא זילבערג 17
אילוזיעס, אילוזיעס, ים־שפריצן, „די פינסטערניש" אין קאצק א. נ. שטענצל 18
יידישע טעאטער־אמאטארן אין לאנדאן ...... ...... ...... נעט רובין 31
מיכאל זילבערבערג ...... ...... ...... ...... ...... עדית ראמזיי 34
מיכאל זילבערבערג ע"ה, יעקב גלאטשטיין ע"ה, האלב־מאסט ש. 35
די לעצטע שעה (ליד) ...... ...... ...... ...... יעקב גלאטשטיין 36
וועלט־קאנפערענץ פון יידישע זשורנאליסטן אין ישראל

**יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאג — יעדן שבת 3 אזייגער**
אין בערנארד באראן סעטלמענט, הענריקעס סטר. 33, א.1.

רעדאגירט: א. נ. שטענצל
פרייז 10 פענס

אבאנאמענט־פרייז: —26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד: —8 דאלאר א יאר

מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע:־
7 GREATOREX HOUSE, GREATOREX STREET, LONDON, E.1, ENGLAND

**מיר בעטן אונזערע אבאנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אבאנא מענט אפצאל.** דערמיט וועלן זיי פיל פארלייכטערן אונזער אויבעט

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

# וועלט-קאנפערענץ פון יידישע זשורנאליסטן אין ישראל

צו דער וועלט־קאנפערענץ פון יידישע זשורנאליסטן, וואס קומט פאר דעם קומענדיקן חודש פונם 16-12 יאנואר 1972 אין ישראל פארן אפ, ווי דעלעגאטן פון יידישן זשורנאליסטן-און שרייבער־פאראיין אין לאנדאן, די חברים : ש. גאלדשמיד, ש. ווינאגור, דר. ש. לעווענבערג, דר. ש. מאדאנעס, יואל צאנג, יוסף פרענקעל און א. נ. שטענצל.

יעדער פון די חברים איז זיך באוווסט אין זיין וויכטיקן שליחות—עס האנדלט זיך נישט נאר אין פראבלעמען בנוגע אינם קיום פון אונזער מדינה, די פראגן וואס וועלן באהאנדלט ווערן וועלן אויך זיין מכוח אונזער יידיש לעבן אין די תפוצות.

„שאל אביך ויגדך", עס שטייט אבער אויך : „ואל תטוש תורת אמך"—אן אונזער מאמע־לשון וועלן מיר אין די גלות־לענדער חלילה גאנץ אונטערגיין, אן יידישקייט גאנץ פארגויאיש ווערן, און אויך דאס פנים פון ארץ ישראל וועט פארלירן זיין יידישע צורה—זיינע עסטעטיש-מאמע־דיקע שטריכן, דאסזינגענדיקע שמייכעלע ארום די כשרה תחינה־ליפן.

• • •

אז וואס איז דען אונזער מאמע־לשונדיקער תורה־שבלב ? די ברענענדיקע אותיות פור־חות, רבה בר בר חנהדיק-פילפולדיק אויס־געקיילעכט איבערן כדור הארץ, מאמעדיקצעקייט ארייגעלייגט שוין אין הארץ פון מינדסט ילוד אשה — „והנער קטן".

אזוי ווי דעם לעצטן פאראגראף רעד איך נאטירלעך נישט גאנץ אין טאן פון אונזער דעלעגאציע, נאר אין מיין אייגענעם—איך בין עס מיר ליידער גאנץ באוווסט ! —נו, וועל איך שוין דאס זייטל ענדיקן אויף מיין יחידישן, נישט זשורנאליסטיש־פובליציסטישן, נאר עפיש-ליריישן אופן.

אצינד צו מיין דריטער נסיעה קיין ארץ־ישראל, ווו כ' וועל מקיים זיין דעם „שלוש פעמים . . . יראה כל זכרוך", וועל איך זען די מדינה מיטן רעכטן און מיטן לינקן אויג ! ווי די גמרא טייטש אין חגיגה : „יראה—בשתי עיניו".

דאס מקוים ווערן די רייד פון די נביאים האבן קיין שום פארטייאישע שייכותן נישט און זיינען נישט אפהענגיק אין וועלכע נישט איז וועלט־ארדענונג—עס איז דאס מקוים ווערן פונם אחרית הימים ! „מימין ומשמאול יניקת הנביאים".

פון יעדן שטאנדפונקט איז מיין איצטיקע נסיעה די שווערסטע, אבער — „אם לא עכשיו אמתי"

• • •

בין איך דען דער גבור, דער איש מלחמה,
גראד דווקא איצט נאך ארץ־ישראל פארן ?
מ'האלט דאך אין איין ריידן פון קריג, פון
שלאכטן,
א שעת־חרם קאן קומען, שרעקלעכע נויט,
יעדער ביסן ברויט צוגעטיילט, מ'מוז שפארן.

טאקע דערפאר, ווייל עס איז דא די געפאר,
ס'זאל חלילה צו א מלחמה קומען,
מוז איך אצינד נאך ארץ-ישראל פארן,
און אונטער איין מלאך הגואל טלית,
מיט אלע דארט זיין ארומגענומען.

א־ניין, איך בין נישט קיין שמשון הגבור,
קיין ביקס כ'וויל נישט — און אויך אלט
שוין צו האלטן,
אבער, אז א געפאר ס'זאל חלילה זיין,
און זקנים, אלטע לייט און קינד און קייט,
אין די שעלטערס זיך מוזן אויסבאהאלטן—

צווישן די זעקס מיליאנען, די קדושים,
איינער פון זיי צו זיין, נישט ווערט געוועזן,
אבער אז חלילה אין ארץ-ישראל,
אין געפאר אצינד די דריי מיליאן יידן,
פון דערווייטן זיין און באריכטן לעזן.

לידער שרייבן, טרערן-גראמען פארגיסן,
בשעת דארט מענטשן אין בלוט ווערן
דערטרונקען — —
צומאל נצחון־כוס ווי איבערגייט ער ?
מיט געוויין פון מאמעס, פון ווייב און
קינדער.
א טאטע א העלד קומט בלינד אנגעהונקן.

צווישן אלע דארט, די דריי מיליאן יידן
אז א מלחמה חלילה קאן אויסברעכן — —
די שמחה אז אלץ וועט אויסגיין בשלום !
און אויב — — איז עס שוין א סך בעסער
דעמלט,
א געפאלענער די נשמה אויסדעכן.

די לאנדאנער קולטור ידיעות אין קומענדיקן נומער

צו דער בר־מצווה פון ראבערט לאורענץ ווינטשן מיר דעם בר־מצווה בחור, די עלטערן הענרי און עוועלין און אונזערע פריינט מלכה און גדליה ליכטנשטיין א הארציקן מזל־טוב און א סך נחת.

פריינט פון יידיש לשון און לעבן



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 12-11 (העפט 94-393) 32־סטער יאר נאוו.־דעצ. 1971, לאנדאן



## „מי כמוך באלים השם"

א חוץ ס'מעשהלע פון קריגעלע בוימאייל,
א לעגענדע אין א ספר אין אן אלטן;
אונטער אש פונם פארברענטן היכל,
ס'הייליקע פייער פון מזבח באהאלטן.

„ווען די מלחמה מיר וועלן געווינען,
אים צוריק אויפבויען און ווידער אויפריכטן,
צוריק ברענגען דעם „אש לא תכבה",
וואס קיין שום בן אדם קאן אים נישט פארניכטן."

אז די לעצט שלאכט זיי וועלן געוויבען,
א, ווי טויט־זיכער זיי זיינען דאס געוועזן !
קאן דען זיין א וועלט אן הייליקן פייער ?
און אין די פארמעטן שטייט ווייטער צו לעזן :

„נאכדעם די מכבים דעם קריג געווונען,
גאר די בלוטיקסטע נסיונות אויסגעהאלטן,
דאס הייליקע פייער געגאנגען זוכן,
וואס בסוד סודות אונטערן אש באהאלטן.

„זיי גראבן, זיי נישטערן אין שטאט פייער.
א מים־חיים קוועלכל גאר געפונען —
פון אונטערן אש — געוואלטיקע קופע !
ווי פון א היכן פעלזנשטיין ס'האט גערונען.

„ווי טויזנט זונען געפונקלט, געלויכטן !
'ווער ס'האט געטין זאגן אז פייער זאל ברענען,
דער וועט זאגן אז וואסער זאל פלאקערן',
יא, די עדות פון גאטס אייביקייט מיר זענען."

„זיי לייגן עס אויפן מזבח ארויף,
זע, א פלאם נעמט פלאקערן צום הימל שוועבן —
א, מי כמוך באלים השם !
און זיי האבן עס אייל א נאמען געגעבן."

זייט דעמלט שלאגן זיך פעלקער איבער איל,
און ג-אט איז דער ליכטיקער קוואל פון די ידן —
אונטער בערג אש גליען פונקען אצינד פריש,
אין אקער־איינס די שווערדן אויסצושמידן.

## די מנורה

זיבן רערן מנורה אין בית־מקדש,
אכט אין אונזערע יידישע הייזער,
זעקס די האבן, ווען, אם ירצה השם,
קומען ס'וועט דער משיח צדק,
פון גאנצער וועלט שוין דער דערלייזער.

און אט די דריטע, די זעקס רעריקע,
צו ברענען קיינמאל מער נישט אויפהערן:
לזכרון די זעקס מיליאן קדושים
און די זעקס טעג — אז ירושלים
אויף אייביק שוין ג-אטס שלום־שטאט ווערן.

## „לשנה אחרת קבעו בהלל והודאה"

„עינים להם ולא יראו" —
אזעלכע געטער קאן מען נאך פארשטיין;
אבער אזא וואס זעט אלץ, הערט אלץ
און קאן מאכן אלץ ווי עס ברויך צו זיין.

זיצט זיך, א „יושב בשמים" —
קוקט אראפ און לאכט זיך אין פויסט אריין,
האנט אין קאלטן וואסער נישט צו טון —
באמת, אזא ג-אט ווער קאן פארשטיין?

דעם גערנגל פון גלגלים־רינג,
דער גלויבן שוין אליין, דאס צו דערגיין!
נישט גרעסער זיין חכמה פון יענעמס —
דעם געצנדינער פון גאלד און פון שטיין.

## ס'דרענדערל

— פאר אייער משהן לכבוד חנוכה —

אזא האזארד שפיל איז דאס לעבן,
און מיר האלטן אין איין שפילן;



ווער א רוישיק צעהיצטע אקע,
ווערביים שאך־ברעט מיט א קאפ א קילן —

ווי די מלכה ארומצוריגלען,
צי גאר דעם מלך אין פלען צו כאפן —
און דער מיט די טאפל־זעקס דאמקע
ווי מיט א הארמאט האלט אין איין קלאפן.

א רולעטקע ס'איז דער ערד־קיילעך,
עס הערט גארנישט אויף דאס ווילדע דרייען,
און מיר אלע מיט האזארד־אויגן,
מיט צאפלדיקע הערצער ארום שטייען.

ווען קליין געווען א דריידל געהאט,
דרייענדיק שמונה־עשרה געשטאנען;
ווי געשווינדלט פאר מיינע אויגן,
אבער דעם נס־גדול דאך פארשטאנען.

בלויז זע, די זעלבע ראשי־תיבות,
ב'בין געווארן נאר א ביסל גרעסער,
די אייגענע נ. ג. ה. ש,
און ס'לייענט זיך: „נטע גנב האקט שלעסער".

## נאך דעם ווי די אטאם-באמבעלעך וועלן פאלן

. . . ס'וועט די זון ווייטער וואונדערלעך זיך דרייען,
און דער ים מסתם נאך שטורמישער ברויזן;
פעלן א פערטל מיליארד — נישט קיין מענטשן! —
יענקעס, פאניעס, כינטשיקעס און פראנצויזן.

דאס אינזעלע דא אפשר גאנץ אפגעמעקט,
און דא און דארט נאך אביסל שאלמויזן.

וועלט וועט בלייבן וועלט! איין ראסע נאר אראפ,
צווייטע ארויף — העלדיש ווייטער צו שפרייזן;
אינזער רולעטקעלע ערד, ס'קאקאטקעלע,
אויפן כף־הקלע עס וועט ווייטער קרייזן.

צו וואסזשע דער טאנץ נוצט, אויסצוגעפינען?
נו, וועט מען ווייטער טיילן נאבעל־פרייזן.

## פיר דייט-לידער

### א לחיים צום אלטן יאר מיט די ספירט-טרינקער

דער קריסטמעס־מארק אויף ווייטשעפל גאס,
אין רינשטאק־שפיגל — רידזשן און באן;
בראך און פסולת וואס זאמלט זיך אן,
א גאנץ יאר, דעם געמיינעם עולם,
דא איצט פארשאכערן, לייכט מ׳קאן.

נישט מציאות קויפן כ׳לאז מיך ארויס,
די צייטונג־פלאקאטן זען איך וויל;
אין ארץ־ישראל טאקע שטיל,
אבער די שחיטה־שלאכט אין דאקא — —
וויש איך גוט אויס און טו אן מיין בריל,

און הערזע זיי בגלופין אין ראג,
ווי ס׳פלעשל גייט דאס פון מויל צו מויל,
גוט־ברודעריש, חבריש, אן עול, פויל — —
רייסט זיך, ווי געשריי פון מיר ארויס:
„אשרי האיש ווי ווויל, ווי וואויל״ —

די גוטסקייט אין זייערע אויגן,
אן שום כיטרעקייט און אן שום בייז,
אין לאכעס, שמאטעס, פול מיט לייז;
ווי וואלט איך געוועזן איינער פון זיי,
אין דעם פריידיק הייליקן גראל־קרייז.

אז וואס מיר א טיש, וואס מיר א בעט,
וואס מיר רעגן און וואס מיר א שניי?
אין א וועלט א האן זאל טאן א קריי,
ווען איינער דעם צווייטן שטיקט און שאכט,
מיט כיטרע אויסגעחשבונטן דריי.

די גאנצעט צעקראכענע מענטשהייט,
איין קריכנדיקער גראבער מיקראב,
אין זיידן און אטלעס גארדעראב,
און אונזער הייליק און קלוג גערייד,
מארק־שרייערישער מסחר־געזשאב.



### „ישראל האט די אטאם - באמבע״

א, זיי ווילן אונז הערפירן הערצו,
אטאם־באמבע צוווארפן אויף קאאירא;
היראשימיש צעמישן — פארווישן!
און מיר, געדרייטן תירוץ: „אין ברירה״.

און ווען אפילו ג אט בריך הוא אליין
שוין ארויסגעגעבן אזא גזירה;
דאס מיינט טאקע מלחמת גוג־ומגוג! —
און די גאולה — בימינו במהרה.

טא ווילן מיר דיין שליח נישט זיין!
שטייט נישט „אין שליח לדבר עבירה״?
מיט אזא געהייליקטער שליחות
זוך דיר בעסער אויס איינעם פון זיי״רע.

### צו דער דייטשער קולטור - וואך אין תל - אביב

אז מ׳נעמט „שילומים״ — מוז מען צוריקצאלן!
מיליארדן „גוט־מאכונג״ פאר דעם וואס געשען?
מיר קולטור־מענטשן וויסן דאך האר גענוי,
דאס זענען דאך דיאספארע־יידן געווען.

קאנאן־פלייש? אזוינס פאר גאז־קאמער קוים גוט,
צום קראמירן מארשירן מיט שטראוס־מוזיק;
„מיט בעזעם אויסגעקערט דאס מיסט פון דער ערד״!
קולטור־פעלקער פארשטייען זיך מיטן בליק.

וואלט הען א יידן־לאנד געווען? סוווערען!
ווען נישט שטאכל־דראט־געטא׳ס, ווען נישט קאצעט?
פאר גוט געמאכטע ארבעט נאך באצאלן?
פאר קולטור־פעלקער ס׳איז הער אַא און דער צעט.

פאר גלות־יידן „גוטמאכונג״ געצאלט גאר?
אזוינס פירט מען צו דער שחיטה־באנק ווי שאף,
„ריף״־זייף צו מאכן, לאמפיאנען, באמיסטונג — —
ווער עס זאגט אלף זאגט אויך שוין דעם תאו.

אזא דייטשע קולטור־וואך אין תל־אביב,
וואס דאס מיינט? „אשרי האיש״, וויסן מיר וואויל,
האט נישט שוין פארויסגעהינקט געבלס געביל:
„ווען כ׳הער ס׳ווארט ׳קולטור׳, כאפ איך מיך צום פיסטויל!״

## א יוון אין דער סוכה

א סימן עפעס שמעקט איך נישט,
אז איר כאפט זיך שוין צו דער נאז!
צושטעלן צו איר א פעדער —
זען צי זי קאן נאך טון א בלאז — —

פון אזא יוון אין סוכה
ריח נחוחט דאך מיט פאגראם:
נעבעך, נאך היטלער־גענאסיד
און סטאלין דעם „יא טעביע דאם" —

שטיינסגעזאגט אזוינס מ׳שיקט ארויס
צו זיין דער ראש ביים אוש־פיזין־טיש —
ווי זאגט זיך אין אן אלט ווערטל:
„פונם קאפ שטינקט דער גאנצער פיש".

יא, די פאניע־ניאניע איז רויט,
א פאן אין ווינט דרייט זיך דער קאפ;
פונם פלעשל וואדקא מסתם
גענומען אן איבריקן טראפ.

אונזער נאז זי שמעקט איך נישט מער?
טא בייסט איך אפ די לאנגע צונג!
איך נאך געבן בשמים שמעקן,
א קבוצניק, א שמשון־יונג:

„וויאזוי אייער אטאם־באמב
און דער: טעז, אנטיטעז, סינטעז",
איב נישט געווען געאקערט
מיט אונזערע יידישע נעז?

נ.ב.

דעמלט ווען גראמיקא האט גערעדט,
כ׳קען פארגעסן מיטעלעקן דעם טאנץ,
אין וויטשעפל אין מיטן דער גאס?
ווי געציטערט פאר שמחה האט ער גאנץ!

„והשיב לב בנים על אבות",
אין יענער נאכט ממש מקוים געווארן!
א ייד מיט א לאנגער ווייס באָרד,
ווי אליהו האט ער אויסגעזען,



רוימט מיר בסוד א מדרש פליאה איין,
ווי פון דניאל א פסוק אמאל:
„למה נקרא שמו פאניע חז״ה,
שעתיד להחזיר לנו ארץ ישראל."

## „אהבת לרעך כמוך"

וואס די גאנצע חכמה מישטיינסגעזאגט,
סאקראטעס, פלאטא, אריסטאטל:
פאכנדיקע בייטש יענער אין האנט האלט,
דער וואס זיצט א פעסטער אין זאטל?

און אלצדינג אויפן כדור־הארץ,
ארכימעדעס, אלץ וואס פאראנען,
צומאל דאס מענטשן־קינד, דעם בן־אדם,
אין דיין ראד אן אייזל איינשפאנען.

אויב א סאקראטעס געהאט זיין ייִנגל?
אייזל בלעמס גן־עדן פריידן — —
טא וואס העלפט צומאל שוין, אז גאט אליין,
פה אל פה טוט מיט איינעם ריידן?

„ואהבת לרעך כמוך" — —
ווי הלל געטון אים געטון אים פארטייטשן!
אויב נישט איבער אייזלען — איבער מענטשן,
פאכען די פייפנדיקע בייטשן.

## אדאם מושקא אין בן-אורי

די אויסשטעלונג פון אדאם מושקא, — דעם בארימטן מאלער פון ווארשע, וועלכער וווינט יעצט ווי א פליט אין פאריז, — וואס איז פארגאנגענעם חודש פארגעקומען אין דער בן־אורי־גאלעריע, האט צוגעצויגן א גרויסן עולם מאַ־לער און שרייבער, קונסט־מבינים און קולטור־מענטשן.

די אויסשטעלונג האט „געעפנט" דער גוט־באקאנטער לאנדאנער מאלער אלווא, באגריסט דעם קינסטלער האט דר. ישראל פעלדמאן.

אדאם מאשקא, דער בעל שמחה פון דער אויסשטעלונג האט גערעדט איבער די ענטשטייאונג און דער מהות פון זיינע בילדער.

די טיף דערלעבטע, פאלקס־מאטיוון, די שטעטל־זכרונות די מאטיוו פון די בילדער און בעיקר די פעדער־צייכנונגען האבן שטארק אויסגענומען ביים עולם און ביי די קונסט מבינים.

## דר. ישראל פעלדמאן און סירל ראס בני שמונים עד מאה ועשרים

די דיוק־פלייס־שול אין וויטשעפל האט אין די לעצטע שבתים געפייערט זייערע „וואַרדנס", די גבאים, די פרנסים, דר. ישראל פעלדמאן און דעם

באקאנטן מאלער סירל ראס צום ווערן בני שמונים — אנגעזעענע מנהיגים אין געזעלשאפטלעכן און אין קולטור־לעבן פונם יידישן קהל אין לאנדאן.

ביידע פון די ראשונים און ראשים פון די אנפירער פון יידישע בילדער־גאלעריע, בן־אורי.

מיר ווינטשן אונזערע פריינט נאך א סך געזונטע און גוטע יארן צו קענען אנגיין מיט זייער וויכטיקער געזעלשאפטלעכער און גייסטיקער ארבעט, עד מאה ועשרים שנה.

## יוסף בן שמעון ווײַנשטיין

## נס גדול היה שם

. . . און אט האבן מיר שוין באלד חנוכה. אט דער פריילעכער נאציאנאלער אידישער יום־טוב דערמאנט מיך אין מיינע קינדער יארן וועלכע איך האב פארבראכט אין קאירא, מצרים, וואו איך בין געבוירן מיט עטלעכע־און־אכטציק יאר צוריק . . .

עס ליגט נאך מיר אין זכרון ווען מיין טאטע ע״ה פלעגט פראוון אונזערע יום־טובים מיט אזא יראת־שמים און מיט אזא שמחה, אונטערגעהאלפן פון מיין מאמען ע״ה און ארומגערינגעלט פון זייערע קינדערלעך: 3 בנים׳לעך און 4 טעכטער׳לעך. ערב חנוכה למשל פלעגט דער טאטע מיינער ארויס־ברענגען די בלעכנע „חנוכיה“, זי ריין אויסווישן און זי צוקלאפן צו דער וואנט לעבן א פענצטער. דערנאך פלעגט ער אויסרייסן פונם בעזים מערערע שטרויזלעך, זיי ארומוויקלען מיט וואטע און קונציק אויסארבייטן שיינע קנויט־לעך וואס ער פלעגט אויסלעגן אין די בלעכענע טעלערלעך פון דער „חנוכיה“ אנגעפילט מיט בוימעל. אין אוונט האט דער טאטע מיינער געבענטשט חנוכה־ליכט מיט א שיינעם ניגון: — ער איז געווען דער בעל־שחרית פון דער אשנזישער שוהל, — געמאכט די ברכה: „להדליק נר של חנוכה“, בעת ער האט אנגעצונדן דאס ערשטע ליכטל, געגעבן דער מאמען דעם כיבוד אנצונדן די אנדערע, געמאכט בעת מעשה די איבריקע ברכות, צום סוף האט ער געזונגען דעם: „הנרות הללו“ און דעם „מעוז צור“, און מיר יונגווארג זיינען אלע געשטאנען ארום, מיט גרויס דרך ארץ, אנגעקוקט פון דאס שיינע בילד, און ביי יעדער ברכה, געענטפערט: אמן! . . גערענדיקט די צערע־מאניע, האט דער טאטע אונדז, קליינווארג, אויסגעטיילט חנוכה־געלט, יעדן איינעם א פיאסטער, — די ווערט פון א היינטיקן פעני — בעת די מאמע האט שוין געהאט צוגעגרייט א שיסל הייסע מחיה׳דיקע לאטקעס של חנוכה, געפרעגלט אין שמאלץ און גריוועס, טעם גן־עדן, וואס האט פארשמעקט די שטוב, צו וועלכע מיר האבן זיך צוגעכאפט ווי הונגעריקע וועלף . . .

צו דריי יאר בין איך שוין געגאנגען אין דער תלמוד־תורה, ביים רבין ר׳ שמעון ע״ה — טאקע דער טאטע מיינער בכבודו ובעצמו — אונדזער חדר איז געשטאנען לעבן דער שטוב און נישט ווייט פון דער אשכנזישער שוהל, אין דעם אידישן קווארטאל, וואו די גרעסטע צאל אשכנזים האבן דאן געוואוינט,



מיט די אידישע קראמען, באקאליען, קלייטן מיט אידישע קצבים און יאטקעס, וועלכער געגענט איז געווען באקאנט אלס דער אשכנזישער „געטא“.

אין חדר, האב איך ליב געהאט זיצן מיט די עלטערע חדר־אינגלעך און זיך צוהערן ווי זיי לערנען, און טאקע שנעל זיך אויסגעלערנט זאגן מיט די תלמידים „מודה אני“, גאנץ „שמע ישראל“, איינגעחזר׳ט און געקענט אויף אויסווענדיק: „חד גדיא,“ „אחד מי יודע“ פון פסח, „שושנת יעקב“ פון פורים, און אפילו „מעוז צור ישועתי“ פון חנוכה.—

איך דערמאן זיך אזוי־ווי היינט, ווי אין א שבת־חנוכה, זייענדיק אין שוהל מיט מיין טאטן, רופט מיך צו, נאכן דאווענען, דער ראבינער אונזערער — הרב ר׳ מנחם מענדל ב״ר נתן הכהן ע״ה — א שיינער איד, הויך געבויט, מיט זיין ברייט לאנגע שיין צעקעמטער שווארצער בארד, מיט זיינע קלוגע גוטע אויגן און הדרת פנים — אויסגעזען האט ער ווי א פאטריארך . . . ער איז תמיד געזעסן אויבן־אן, אויפן באלעמער, וואו זיין כסא הרבנות איז געשטאנען, א שיין געבעטעט שטול, מיט א סטענדער, און א ביינקעלע צו פיסנס . .

— יוסף! אזוי האט דער ראבינער זיך געווענדעט צו מיר: — יוסף,— קום נאר אהער! . . . איך האב שוין דאן באדארפט זיין א בן חמשה. גלייך האב איך ארויפגעקלעטערט אויפן באלעמער, ווי צו זאגן: — הנני! . .

— יוסף, איך האב געהערט זאגן — האט דער רבי ממשיך געווען — אז דו קאנסט גאנץ „שמע ישראל“, אויף אויסוועניק, און אפילו זינגען „מעוז צור“, וואלט איך וועלן הערן וואס דו קאנסט!. . . — און וואס וועסטו מיר דערפאר געבן?. האב איך מיט עזות אים א פרעג געטאן . . . — האסט רעכט!. . . — האט דער רבי מיט א שמייכל געענטפערט . — אויב דו וועסט זינגען „מעוז צור“, קריגסטו ביי מיר א פיאסטער!. .

(דאן א פיאסטער ביי מיר — א גאנצער מאיאנטיק). בעת מעשה האבן די מתפללים זיך ארומגעשטעלט ביים באלעמער צו הערן דעם וויכטיקן ויכוח צווישן דעם רבין און מיר . . . כ׳בין גלייך ארויפגעקראכן אויף דעם רבינס פוס־ביינקל, און אין איין אטעם גענומען בראקן און צעקאליעטשן דעם „מעוז צור“ . . . און ווי נאר כ׳האב געענדיקט, האב איך אויסגעשריגען צום רבין: — „גיב מיר דעם פיאסטער“!. . — יוסף!?. . — האט דער רבי צו מיר קאלטבלוטיק א זאג געטאן, — היינט איז דאך שבת!. . . און אין שבת טאר מען דאך ניט האלטן קיין געלט ביי זיך!. . „— אין אל אבוק!?. . — האב איך צארנדיק מיט כעס אויסגעשריגן, (דאס איז, אן אראבישע איפע וואס דער טייטש איז: „אין דיין טאטן אריין“. . .) און בין ארויפגעשפרונגן פונם באַ־לעמער . . . דער עולם, פארשטעט זיך, האט אויסגעשאסן אין א הילכיקן געלעכטער, מ׳האט זיך ממש געהאלטן ביי די זייטן פון לאכן . . . אפילו דער רבי אליין האט זיך שטארק צעלאכט פון מיין חוצפעדיק שנעלע רעאקציע . . . אבער דער רבי האט געהאלטן ווארט און אויף צו מארגנס מיר צוגעשיקט מיינע פארדינטע גראשנס . . .

יעדעס מאל, אונטער א יום־טוב, פלעגט ר׳ שמעון מלמד, אונדזער רבי,

דערציילן אין חדר די היסטאריע פונם יום־טוב, זיין באדייטונג און די געשעענישן וואס זיינען פארגעקומען דאן: ביום ההוא בזמן הזה; איז נאך עד היום פארבליבן ביי מיר אין זכרון די געשיכטע וואס דער רבי אונדזערער האט אונדז דערציילט מכח חנוכה: ווען מיט איבער 2 טויזנט יאר צוריק, — אן ערך פון א 150 יאר נאך דעם חורבן בית־ראשון, איז ישראל געלעגן אונטערן יאך — פון די העלעניסטן, גריכישע ברוטאלע געצנדינער, וואס האבן געפלאגט דאס אידישע פאלק, אים אונטערדריקט, און געצוואונגען די איינוואוינער צו קניען און זיך בוקן צו די גריכעשע שטיינערנע אבגעטער, און ברענגען פאר זיי קרבנות פון חזרים . . .

צו יענער צייט, האט געלעבט אין מודיעים, א קליין שטעטל לעבן ירושלים, דער כהן גדול מתתיהו בן יוחנן החשמונאי, פון דער פאמיליע חשמונאים, וועלכער האט געהאט פינף זין. מתתיהו האט ניט געוואלט זיך אונטערגעבן די גריכעשע הערשער, און זיך ענטזאגט מקרב זיין א חזיר פאר זייער אבגאט „זעאוס", און מתתיהו, נישט קוקנדיק אויף זיין גרויסע עלטער, איז ער ארויס אין קאמף קעגן דעם ביטערן שונא וואס האט פארמאגט אין לאנד גרויסע און שטארק באוואפנטע ארמייען.

און מיר, חדר אנגלעך זיינען געווען נתפעל הערענדיק אזעלכע שיינע מעשיות וואס זיינען פארגעקומען פארצייטן ביי אונדז אידן, און מיר זיינען געווען שטאלץ מיט די מאכבייער, אונדזערע גיבורים, און טאקע אויך געוואלט זיי נאכמאכן. אויף אונדזער מזל האט זיך געפונען אין קווארטאל ביי אונדז, א קראם פון שפילצייג פון צוויי רומענישע אידן, די ברידער אלטארעסקא. איך זאג אייך, א „מחסן" פון די שענסטע שפילרייען וואס זיי פלעגן ברענגען אזש פון דייטשלאנד . . . מיר האבן דארט געטראפן מכל המינים כלי זיין, דהיינו: הילצערנע ביקסען, בלעכענע שפאגעס און שווערדן, סאראטענע גארטלען מיט מעשענע קנעפ, מיט צוויי אנגעהאנגענע בלייענע פיסטאלן . . . חוץ דעם האבן מיר אויך געטראפן אין קראם גאלדענע און זילבערנע פאפירענע קרוינען, מאדנע ספאדיקעס, כלערליי קאלירענע היטעלעך מיט פעדערן ווי אמתע אינדיאנער . . . וואס זאל איך אייך לאנג ברייען: עס איז געווארן פריילעך ליהודים היה ששון ושמחה. יעדער פון אונדז האט פאר זיין חנוכה־געלט איינגעקויפט וואס זיין הארץ געגלוסט. און גלייך דעם ערשטן טאג חנוכה נאכן קנעלן, זיינען מיר אלע אריין אין חצר פונם חדר, יעדער איינער האט זיך אנגעטאן מיט זיין כלי מכשירים, די פאפירענע ספאדעקעס אויף די קעפ . . . און גענומען „פייטן" — פירן, הייסט עס, מלחמה צווישן זיך, אזויווי פארצייטן די מכבייער קעגן די העלעניסטעשע סאלדאטן . . . און עס איז געווארן א ויצעקו — געשרייען און געוואלדן „עד לב השמים" — הימל עפן זיך . . . איז דער רבי אונזערער, דערשראקן פון די קוויטשערייען, איז ער ארויסגעלאפן זען וואס דא קומט פאר . . . נו, נו, פרעגט שוין נישט: עס איז געפלויגן פעטש פונם רבין ביד רוחה, מיט דער ברייטער האנט, פון אלע זייטן, נישט געזשאלעוועט . . . אז שרייען, זאל כאטש זיין נישט אומזיסט . . .



שיינע גליקלעכע קינדער יארן וואס קענען זעלטן פארגעסן ווערן! שפעטער, אין מיינע עלטערע יארן, פלעג איך, לכבוד די אידישע יום־טובים, צוגרייטן אין דער אידישער שפראך, שיינע אונטערנעמונגען פון ליטעראטור, קונסט און אידישע מוזיק און געזאנג, וואו אלע אשכנזישע משפחות זיינען געווען איינגעלאדן מיט זייערע קינדער, צו וועלכע מע פלעגט אויסטיילן מתנות שפילעריי און אויך זיסווארג. אויף חנוכה, למשל, איז דער יום־טוב אנגעפאנגען געווארן מיט בענטשן חנוכה־ליכט דורך אונדזער קאנטאר פון שוהל, ר' משה שטערן, דערנאך איז איבערגעגעבן געווארן, אין אידיש, די באדייטונג פונם יום־טוב חנוכה. די ליטערארישע אבטיילונג איז אויסגעפירט געווארן דורך חברים און חברות פונם „אידישן קונסט פעראיין", וועלכע האבן רעציטירט און פארגעלעזן מערערע פאעמען, מאנאלאגן און מעשה'לעך, פארפאסט פון אידישע שרייבער לכבוד חנוכה: „חנוכה ליכטלעך" פון מאריס ראזענפעלד, „וואס איז חנוכה", פון שלום עליכם — „די חנוכה ליכט" פון אברהם רייזען — „חנוכה אויף דער שיף", פון שלום אש — „חנוכה קינדער שפיל", פון שמעון פרוג — „דעם דריידל", פון לעבעדיקן. אן ארקעסטער מוזיק האט אין צווישן געשפילט שיינע אידישע לידער. צום סוף איז געזונגען געווארן „מעוז צור ישועתי" און „התקוה" פון קאנטאר שטערן, צוזאמען מיט דעם גאנצן עולם, באגלייט דורך דעם ארקעסטער־מוזיק. אזוי פלעגן מיר פראווען חנוכה אין קאירא, ביז מאי 1948 — ביי דער אויפלעבונג פון מדינת ישראל. פון דאן־אן האט די מצרישע רעגירונג אנגעהויבן רודפן די אידן, זיי ארויסטרייבן פון לאנד, און פארבאטן יעדע אידישע אקטיוויטעט. —

אבער אין אונדזער הייליקער מדינה, הילעכט היינט ווידער אפ אויף די בערג פון יהודה און ישראל, אזויווי אמאל, מיט 2 טויזנט יאר צוריק, די „הידד" געשרייען פון אונדזערע נייע גיבורים, די אידישע חיילים, די היינטיקע מכבייער, וועלכע האבן מנצח געווען 3 מאל: אין מאי 1948, אין אקטאבער 1956 און אין יוני 1967, אט די ביטערע אראבישע שונאים וואס רינגלען ארום דאס אידישע לאנד פון אלע זייטן. און דער נצחון פון ישראל איז ווי פארצייטן לויט דעם אלטן נס חנוכה: „רבים ביד מעטים"! יא, „על הנסים" פעלן ניט ביים אידישן פאלק, דער **נס גדול היה שם**, באנייט זיך טאגטעגלעך פאר אונדזערע אויגן אין ישראל: דער נס פון נייע קיבוצים און מושבים, נייע דערפער און פעלדער, דער נס פון נייע שולעס און שפיטאלן, נייע פאבריקן און אנשטאלטן, דער נס פון נייע עולים וואס קומען צוריק און די טויזנטער און זייער אמת'ער היים, און זייער פאטערלאנד: **ישראל!**

## מזל טוב

צו דער חתונה פון **זשעקעלין ריטשמאן** און **איען דאנאף** ווינטשן מיר א הארציקן מזל־טוב דעם יונגען פאר, פאטער און מוטער פון דער כלה **דזשא און העלא ריטשמאן**, דעם חתנס עלטערן און אונזערע פריינט די באבע זיידע פון דער כלה אייזיק און צביה גאלדבערג.

פריינט פון יידיש און לשון און לעבן

אסתר ערליכמאן

## לכבוד חנוכה!

יעדער יידישער יום טוב, רעליגיעזער, אדער טראדיציאנעלער, איז א איבערלעבונג פאר דערוואקסענע, און פאר קליינוואַרג. און רופט ארויס א בײנקשאפט, נאך דעם אמאל, נאך דערהיים, און כאטש מען איז צענדליקער יארן דערווײטערט, פון דעם יידישן שטייגער־לעבן, איבערהויפט, מיר די ניט גלויביקע, וואס האבן געזוכט נייע יום טובים, און נייע ניט דערגרייכטע, לעבנס שטייגער, שטייען יעצט ווי אין א מיטן פארבלאנזשעטן וועג. מיר קענען ניט גיין פאראויס, און קענען זיך ניט אומקערן צוריק. אבער איבער דעם אלעמען ליגט טיף באהאלטן אין אונזער זכרון, די טיפע נאסטאלגיע. די פון קיין אידייע ניט פארשטעלטע, די קינדהייט וואס מיר האבן פארבראכט, ביי אונזערע עלטערן אין דער אלטער היים!

דעם יום טוב חנוכה, דעם טאטנס בענטשן די חנוכה ליכט, דער מאמעס פרעגלען די טראדיציאנעלע לאטקעס, און נאך אזעלכע מאכלים, און עס איז ווינטער, און אין דרויסן א טיפער שניי, און א פראסט, אבער אין שטוב איז ליכטיק, און ווארים, און עס קומען חשובע געסט. מ׳שפילט אין שאך, אין דאמקעס, אראפ די וואכעדיקייט, אראפ אלע זארגן, און אין דעם אלעמען, דערמאנט מען דעם גרויסן נס פון חנוכה. די העלדישע מאקבייער פון יענער צייט. און אזוי האט מען פארבראכט יעדן אוונט, דערציילנדיק די וואונדערליכע מעשיות פון די העלדישע קעמפער קעגן א מעכטיקן שונא.

איך מוז ניט פארגעסן אז דעם גרעסטן וואונדער אין דעם שאך שפיל האט באוויזן מיין מאמע, א פרוי א שאך־שפילערן איז א זעלטענע דערשיינונג. אבער איך האב געהאט די פריווילעגיע צו האבן א אויסערגעוויינטליכע מאמע. מיין מאמע, איז דערצויגן געווארן אין א רבנישער היים, און אויף איר האט מען געקענט זאגן אז וואו תורה דארטן איז חכמה!

איז ניט קיין וואונדער וואס צווישן אלע אירע פעאיגקייטן, איר וואונדערליכע אריענטאציע אויף יעדן געביט איז אויך אריינגענומען געווארן דער שאך שפיל, און דאס איז באוואונדערט געווארן ביי גרויסע שאך שפילערס, און ווען קען מען נאך אזוי האבן דעם פארגעניגן פון דעם שפיל. איך אנטשולדיק זיך פאר די לייענער פאר אריינעמען א פערזענליכן סענטימענט. און מיר קינדער האבן זיך אויך ניט געלאנגווייליקט, באפרייט פון דער שול, אן היים ארבעט, איז פאר אונז חנוכה א אידעאלער יום טוב, מאכן א שניי מענטש, און גליטשן זיך אייפן פארפרוירענעם טייך איז געווען איינע פון די באליבטע ווינטער פארגעניגנס. און דער טראדיציאנעלער שפילן, אין די דריידלעך, אויסגעגאסן פון בליי אויף וועלכע עס איז געווען איינגעקריצט דער נ, ג, ה, ש, וואס הייסט אז א גרויסער נס איז דארט געווען, די גרויסע וואונדער פון חנוכה!

מיינע חנוכה דערמאנונגען, זיינען פון דעם קאלטן לאנד, ווו היינטיקע יידן יונגע, און אלטע, איז דער פארגעניגן פארבאטן צוזאמען, מיט אלע אנדערע יום טובים, צוזאמען מיטן אלגעמיינעם יידישן לעבנס שטייגער, וואונדערן מיר זיך, און מיט פרייד דערוויסן מיר זיך, אז עס איז זיי ניט געלונגען, זיי די הערשער, פון קרעמעל, איינגאנצן צו אסימילירן. עס לעבט דער יידישער געפיל ביי די עלטערן, און זיי האבן דאס איבערגעגעבן צו די קינדער, און די יונגע האבן דערפילט צו וועלכן פאלק זיי געהערן און כאטש זיי וויסן ניט פון קיין יום טובים און זייער באדייטונג.

קומען זיי מאסן ווייז אין מאסקווער שול און נעבן דער שול אין דרויסן צו טאנצן, און זינגען, און פרייען זיך מיט שמחת תורה.



און לכבוד חנוכה שיק איך צו זיי מיין הארציגן גריס. און איך זאג זיי, זינגט און טאנצט, שפילט אין דריידלעך חנוכה, און קלאפט מיט די גרעגערס פורים. פארהילכט די לופט מיט אייער פרייד. און זאלן די הערשער, די פאר־טיליקער פון יידישן לעבן, פון דער יידישער קולטור, און ליטעראטור וויסן, אז עס איז זיי ניט געלונגען. אז איר זייט דא!

איר די אייניקלעך פון די פארצייטיקע העלדישע מאקבייער!

אײַזיק גאלדבערג

## א חתונה ליד

צו דער חתונה, פון אונזער אייניקל זשעקעלין, מיט איר באשערטן איען.

אונזער אייניקל
וויל און פיין,
וואס האט איך
מלא־חן . . .

ס׳איז זייער ליבע
ריין ווי גאלד;
זיי האבן זיך געפונען
און זיך געוואלט.

האט מיט מזל
אונז באערט;
מיט א חתן־בחור,
וואס איר באשערט.

ס׳זאל זיי בײדע
זיין באשערט,
צו געניסן
דעם פולן ווערט.

אזוי ווערט פון „איינס"
צוויי שוין גאר,
און זיי צוזאמען —
א וויל גוט פאר.

פון ליבעס־כוס
פון לעבנס־פרייד,
מזל, ברכה
צו יעדער צייט.

מיט מעלות־טובות,
אן א שיער;
און פון זיי ביידע —
ווערט גאר „מיר". . .

אזוי קאנען אלע
נאר ווונשן גאר,
זיי זאלן זיין
א גליקלעך פאר.

יחזקאל קארנהענדלער (פאריז)

## ווער איז ווער?

זייענדיק אין ישראל, האב איך אייניקע מאל באזוכט דעם גרויסן מוזיי אין ירושלים און פארשטייט זיך, אויך געוואנדערט אין פארק ביים מוזיי, ווו עס זענען צעשטעלט מערערע צענדליק סקולפטורן פון בארימטע וועלט־מייסטערס.

כ׳האב מיך מערער מאל אפגעשטעלט ביי די ראדען־סטאטועט, ביי אנדערע ווערק פון בארימטע וועלט־קינסטלער און אויך ביי די סקולפטורן פון יעקב עפשטיין. און ביים לעצטן, האב איך אויף קיין רגע נישט געצווייפלט, אז כ׳געפין מיך טאקע ביי די סקולפטור־ווערק פון קינסטלער וואס האט געלעבט און געשטארבן מיט קורצע יארן צוריק אין לאנדאן.

און איצט בין מיך מודה, אז איך ווייס נישט, אז איך ווייס אויף קיין פאל נישט, וועמענס סקולפטור־ווערק כ׳האב פאקטיש געזען: זענען עס

טאקע געווען די ווערק פון סקולפטור סער יעקב עפשטיין, וואס האט געלעבט אין ענגלאנד, אין לאנדאן, אדער . . . זענען עס גאר געווען ווערק פון א מענטשן וואס הייסט אויך יעקב עפשטיין, וואס איז אויך א סקולפטאר (וואס שטאמט פון קרעמעניץ) און וואס לעבט און שאפט היינט צי טאג אין ישראל; ווארעם פון אן אנגעטראפן, מיט קורצע וואכן צוריק, צייטונגס־ארטיקל, האב איך מיך דערוווסט אז ס׳איז פאראן נאך א סקולפטאר, א צווייטער יעקב עפשטיין!

טראכט איך וועגן די סקולפטור־ווערק פון יעקב עפשטיין וואס געפינען זיך אויסגעשטעלט אין פארק ביים ירושלימער מוזיי און פרעג מיך:

„ווער איז ווער?"

וועגן א ייד אין ענגלאנד, א סקולפטאר, וואס האט געהייסן יעקב עפשטיין ווייסט די גאנצע וועלט, אבער אז עס איז פאראן א ייד (פון קרעמעניץ) יעקב עפשטיין אויך א סקולפטאר, וואס לעבט און שאפט היינט צו טאג (אויף לאנגע יארן) אין ישראל, אין בני־ברק, ווייסט נאך נישט די גאנצע וועלט און מיין ווייניקייט איז עס ערשט איצט געוויער געווארן.

ס׳איז געווען אמאל אין פראנקרייך א בארימטער מאלער דאוויד. אביסל שפעטער איז אין זעלבן פראנקרייך אויפגעקומען א בארימטער סקולפטאר, וואס האט אויך געהייסן דאוויד; האט דער לעצטער, כאטש נישט קיין מאלער, זיך געלאזט רופן דאוויד ד׳אנזשעי (ער האט זיך צוגעגעבן דעם נאמען פון זיין אפשטאם־ארט) כדי ס׳זאל נישט זיין קיין שום פליאנטער, כדי מען זאל וויסן, ווער איז ווער! און די גאנצע פראנצויזישע קולטור־וועלט זאל וויסן אז דער צווייטער פראנצויזישער דאוויד איז נישט דער ערשטער. האבן מיר אין דער פראנצויזישער קונסט א דאיד א מאלער און א דאוויד ד׳אנזשעי א סקולפטאר,ביידע זענען וועלט־בארימט און עס איז פאר אלעמען קלאר ווער איז ווער.

ס׳איז געווען אין דער פראנצויזישער ליטעראטור א שרייבער אלעקסאנדער דיומא. האט ער געהאט א זון וואס איז אויך געווען א שרייבער און געהייסן האט דער זון פונקט ווי זיין טאטע; האט ער זיינע ווערק אונטערגעשריבן אלעקסאנדער דיומא־זון און ס׳איז נישט געווען קיין שום פליאנטער און ס׳איז אלעמען קלאר, ביז היינט צי טאג.

פארוואס זאל עס ביי אונדז זיין אנדערש, ערגער?

פארוואס זאל א יידישער מענטש און בכלל א קונסט־ליבהאבער שטיין פאר א סטאטוע וואס איז געשאפן דורך א יעקב עפשטיין און נישט וויסן אייף זיכער וועלכער יעקב עפשטיין איז דער מחבר פון דעם ווערק? איז עס דער וועלט־בארימטער קינסטלער פון לאנדאן, אדער דער סקולפטאר (וואס ווערט אפשר אויך אמאל זיין וועלט־בארימט) וואס לעבט און שאפט היינט צי טאג אין בני־ברק?

איז עס ריכטיק אזוי?

אזוי למשל האט זיך נאך דער לעצטער מלחמה באוויזן א ביאליסטאקער ייד וואס האט אנגעהויבן פובליצירן זיינע לידער, ארטיקלען און ביכער א. נ. יעקב כהן. האט ער נישט געהאלטן פאר וויכטיק, צוגעבן צו זיין חשובן נאמען, נאך עפעס א צייכן, אן צוגאב, אז דער ערנסטער לייענער זאל אים נישט פארמישן מיטן העברעאיש־נאציאנאלן דיכטער וואס האט אויך געהייסן יעקב כהן.

אמת, דער דיכטער יעקב כהן האט געשריבן זיינע לידער נאר אין העברעאיש און דער ביאליסטאקער יעקב כהן וואס האט זיך באוויזן נאך דער מלחמה, שרייבט זיינע לידער נאר אין יידיש; ווי איז אבער, אויב מען האט



עפעס איבערגעזעצט פון העברעאישן דיכטער יעקב כהן אין יידיש, אדער דעם יידיש־שרייבנדיקן יעקב כהן אין עברית? הערט מען דאך אויך צו וויסן ווער איז ווער? . . . פונקט ווי איך ווייס איצט נישט „וועלכער" יעקב עפשטיין איז דער שעפער פון די סטאטועס וועלכע כ׳האב געזען און עלכע געפינען זיך היינט צי טאג, אין מוזיי־פארק אין ירושלים.

ווי ווערט עס אויסזען ווען אין ענגלאנד זאל זיך איצט באוויזן א שרייבער וואס ווערט הייסן אסקאר ווײלד?

גלייבט ווער, אז די ענגלישע פרעסע און די ענגלישע געזעלשאפטלעכקייט ווערט עס אויפנעמען אזוי לייכט, פשוט און פארעפנטלעכן זיינע ארבעטן אונטער דעם דאזיקן שרייבערישן נאמען, אפילו ווען דער פריש־אויפגעקומענער שרייבער זאל מיט זיך באמת פארשטעלן א גרויסן שרייבערישן טאלאנט?

איך גלייב עס נישט.

איך גלייב עס אויף קיין פאל נישט!

פערזענלעך איז מיר אויך שווער צו פארשטיין די פסיכאלאגיע פון שרייבער און קינסטלער, וואס געפינען פאר ריכטיק (און אין ארדענונג) צו זיין אקטיוו און זיך באנוצן מיט א נאמען אונטער וועלכן עס האט פריער געשאפן אן אנדערער קינסטלער.

דער סקולפטאר יעקב עפשטיין פון בני־ברק וואלט דאך זיכער וועלן אז זיין טאלאנט און קינסטלערישער דרך זאל אנערקענט און וואס העכער אפגעשאצט ווערן. אז די וועלט זאל וועגן אים וויסן. איז פארוואס דאס ארויסקומען מיטן זעלבן נאמען פון א שוין בארימטן קינסטלער אן עפעס אן ענדערונג? אן עפעס צוגעבן צו זיין נאמען, אום כדי מען זאל גלייך וויסן אז ער איז ער און נישט „עפעס דארט" א יעקב עפשטיין . . . פון ענגלאנד?

ס׳איז מיר אויך שווער זיך פארצושטעלן אז דער ישראל־קינסטלער, דער סקולפטאר יעקב עפשטיין פון בני־ברק זאל נישט וויסן וועגן דער עקסיסטענץ פון גרויסן סקולפטאר פון ענגלאנד וואס איז וועלט־בארימט און וועמענס ווערק עס געפינען זיך אויך אין . . . ישראל, אין ירושלימער מוזיי־פארק און אז ער ווייס אויך נישט וועגן דער האנדלונג פון צווישן דאוויד, וואס האט זיך צוגעגעבן נאך א נאמען און אזוי אויך וועגן דער עקסיסטענץ פון אלעקסאנדער דיומא און דיומא—דער זון א.א.וו.

און אויב עס איז אזוי, אויב אין דער יידיש־קינסטלערישער וועלט קענען זיך פליאנטערן נעמען פון אייניקע יעקב כהנ׳ס און אייניקע יעקב עפשטיינס און מיר זאלן נישט וויסן אויף זיכער, ווער איז ווער, זענען הערין שולדיק אונדזערע שרייבער און קינסטלער־פאריינען, אונדזערע קריטיקער וואס רעאגירן נישט דערויף און אונדזערע רעדאקטארן (זאלן זיי מיר עס מוחל זיין).

פון זיי און נאר פון זיי איז עס אפהענגיק אז אזעלכעס זאל נישט פארקומען אין אונדזער קולטור־וועלטל.

די יידישע געזעלשאפט און דער קולטור־קאנסומענט מוז וויסן ווער איז ווער!

עלא זילבערג

## באנקראטירט

די שענסטע אידעאלן,
וואס האבן מיין וועלט באצירט,
איצט ליגן זיי צושמעטערט,
און איך האב באנקראטירט.

פון אלע פריינט,
א זכר נישט געבליבן,
אמונה, האפנונג, גליק,
און שטויב צוריבן.

איז בעסער צו פארגעסן, וואס מען באזיצט ניט,
וואס געוועזן, קען מען ניט פארלירן,
זאל זיין געגוג, א טויטער גוף,
דאס קראנקע הארץ צו פרעסן. קען קיין ווייטאג מער ניט שפירן.

א. נ. שטענצל

# אילוזיעס, אילוזיעס

## 1

די פאר חדשים הערן פארלייענען; דאס דערלעבעניש פון די הארצער־בערג, זאקסישער שווייץ און ריזענגעבירג; די פאר וואכן אינם פישערדארף און, דער עיקר, דאס נישט־צו־אפטע־זיך־באווייזן אין די קינסטלער־קאפעען, דאס ווייניקער זיך היצן מכח סאציאלע און קונסט־טעאריעס—האבן מיר גוט געטון.

ס׳קאנצענטרירן אין יענע חדשים אויף גרעסערע זאכן איז געוועזן דער בעסטער באווייז!

מיט יענע ארבעטן דעמלט און, דער עיקר, מיטן „פישער־דארף: האב איך מיך „געזונט געשריבן״. . .

דער האמאפאט, ד״ר מילער, האט גארנישט געקענט גענוג באוואונדערן דאס כסדר בלויער ווערן פון מיינע פארגעלטע שווארצאפלען.

אין דעם קרייז, אין וועלכן איך האב מיך דעמלט באוועגט, צווישן די ראמאנטיש־אטעאיסטישע לערער און לערערינס פון „דער פריי־וועלטלעכע דויטשע שולע״, ווער האט דערקענט אין מיר דעם „לעסטיקן אויסלענדער?״

צווישן די אלע „ריינע זאקסן״ און בייערן, ריינלענדער און „וואסער־פאלאקן״ און „עכטע״ פרויסן מכל המינים, האב איך מיט מיינע בלויע אויגן אויסגעזעען דער ריין ראסיקסטער . . .

ווי צעקאליעטשעט מיין דייטש איז נישט געוועזן, ה אט מען מיך אויף מיינע וואנדערונגען—אין די קורצע הויזן און רוקזאק, אין די סטאדאלעס שלאפנדיק — אנגענומען פאר א „דויטשן וואנדער־בורשע״, וואס האבן דעמלט מכל המינים אויף אלע בערג־וועגן און וואלד־שטעגן, מיט זייערע היימאטס־לידער, פארהילכט די הימלען.

איך וועל קיינמאל נישט פארגעסן דאס מיטלאלטערלעכע שטעטל גאס־לאר, די רעזידענץ פון די אמאליקע גערמאנישע קעניגע, — געראיעט מיט דויטש־נאציאנאלע עולי־רגל־יוגענד! דאס מאנדאלינען־געקימפל און „גייגן־שפיל״, —ביים ארויפשטייגן צו דער „וואלפורגיס־נאכט״ צום „בראקן״, און דאס שטעטל האלבערשטאט ביים ארויפקומען פון הארץ־געבירג, וואס זיינע פאר יידישע געסלעך האבן ממש געווירקט ווי א געטא אין אלטערטום; וואו אין „יידישן גוט״ האבן געארבעט חלוצים. אין „הירש־הויף״ איז געוועזן א ישיבה דער בעל־הבית האט געהאט אן אייגענעם אונגארישן רב, און דער ד״ר ראבי־נער, אן אלטער יונג־געזעלע, האט נאך געצויגן זיין יחוס פון „נחל אשכל״—

דער אונטערגרונט, מסתם, אונטער מיינע וואנדער־פיס איז דאס געוועזן דאס עפישע, וואס האט אנגעהויבן רעאל אריינצוהילכן אין מיין שטילן לירישן ליד.

— זאל מען מיר מוחל זיין דאס סענטימענטאלע דערמאנען „זאכן״ פון כמעט א האלבן יארהונדערט צוריק, וואס צוויי דריטל פון זיי זענען פאר־לוירן געגאנגען; דערמאנט מען זיך דאך אין א מצבהלע פון א פארלוירן קינד און ס׳ווערט סמוטנע אויפן הארץ —



אבער דער עיקר, מסתם, פון מיין מנוחת־הנפש אין יענע חדשים איז געוועזן די אילוזיע, אז איך שטיי אויף מיינע וואקלדיקע פיס אין סוף פון אן עפאכע, וואס ענדערט זיך און איך לייג אויך צו מיין מינדסט פינגערל —

שרייב איך דאך קינדלעך־סאציאלע לידער און שול־קינדער לערנען זיי און אין קינדער־זשורנאל פון זונטאגדיקן „פארווערטס״ — דעם ארגאן פון דייטשן פראלעטאריאט! — לייען איך עס דאך אליין, מיין צעקאליעטשעטן דייטש אויסצובעסערן, די איבערזעצונג פון מיינס אן אייגן לידל.

איז דען נישט דאס גאנצע לעבן א מין אילוזיע? בפרט פאר א יונגערן לידל־שרייבער, א בעל־חלום, מיט געל־פארנעפלטע אויגן, וואס ווערן פון טאג צו טאג אלץ קלארער . . .

אן אפגעריסענער פון שורש, פון סביבה און אט דאכט זיך אים אין זיין דמיון . . . אט־אט זעט ער עס דאך בפירוש זיין שטיקל אטעמדיקע ערד — דעמלט א ין יענע סוף חדשים, 1926, האב איך געענדיקט די לעצטע קאפיטלעך פון מיין „פישער־דארף״.

וואס איז דען ליריק? טאטע־מאמע, ירושה, גזע, לויטערער הימל איבערן קאפ און אט ליגט מען גאר טיף טיף אין שאול תחתיה —

און דערטפאט מען זיך שוין צום שטיקל רעאלן, צום איך־לאזן, ווי קאן מען דען דעמלט אנען, אז דא ערשט הייבט זיך אן די אמתע אילוזיע?

ווייט פון שטעטל, די צעריסנקייט צווישן חברים, אליין אפגעריסן פון שורש, איז דאס מסתם געוועזן די איינציקע רעטונג. אט דער טפח ערד אונטער די פיס. און מיינט נישט א מויל־ווארף אז ער דערגראבט זיך צו די טיפסטע טיפענישן?. . .

איז זיצנדיק אזוי אין פריער שעה ביי מיין „פישער־דארף״ אין מיין חדרל, ד׳ על ד׳, אין א וועדינג־געסל, ענדיקנדיק א „לעצט קאפיטל״, קלאפט עס אין דער טיר.

ווער שטייט ביי דער טיר? עלזע לאסקער־שילער! הינטער איר, ווי א לייב־וואך, וואס איז גרייט יעדע רגע אויף טויט און לעבן צו ציען די שווערד צום געפעכט, דער דראמאטורג פון שילער־טעאטער, א פראגער ייד — ד״ר פיסער. (?)

„האמיד, איין זאך נאר וויל איך וויסן, גלאובסטו ווירקליך, דאס דו ביסט איין גראסערער פאעט אלס איך?״

איך וויל אויסשרייען: ביסט משוגע? אבער איך זע דאך די לייב־וואך, וואס שטייט הינטער איר . . .

מילא, דאס פרעגן איז אזא ווילד־צוגעשפיצטער איינפאל, אבער וואס פונקט יעצט אין אזא פריער מארגן־שעה?

שטעלט זיך ארויס, אז אין לעצטן נומער, „די וועלט־בינע״, וואס איז נעכטן דערשינען, איז אפגעדרוקט אין אן איבערזעצונג פון ד״ר זוהל מיינס א ליד, וואס איך האב געשריבן צו איר מיט פיר יאר צוריק —

מיין ליד פון אויבן און אירס פון אונטן!

וואכן ווי איך וויז מיך שוין נישט אין קאפעע, און נעכטן איז טאקע אויסגעפאלן איר 50סטער געבוירן־יאר. האבן חברה־אקטיארן אין שילער־טעאטער אדורכגעהוליעט די נאכט, און אין דער באגלייטונג פונם דראמאטורג איז זי מיר טאקע געקומען שטעלן אט די קלאץ־קשיא.

מיר זיצן אלע דריי אויפן אייזערנעם בעטל, אויפן עלעקטרי־רינג זידט ס׳קאווע־טעפל און איך בעט מיין פריינט מיר פארצולייענען די צוויי לידער — פריער אירס און דערנאך מיינס.

דאס וואסער אין טעפל איז שוין אינגאנצן אויסגעקאכט! און איך דריי

מיך אויס צו איר ווי אין יענעם פרימארגן, ווען כ׳האב דאס ליד צו איר געשריבן: „נון, אונד וואס זאגסט דו?“

ס׳איז אזוי היילִיק געווען די פרימארגן־שעה, ווען צוויי יידן, ברידער, האבן געפייערט דעם „פרינץ יוזוף׳ס“ געבוירן־טאג:

„ווייסט, איך האב נאך נישט דערגרייכט מיין דרייסיקסט געבוירן־יאר און קאן שוין נישט מער אנשרייבן אזא ליד“. . . מ׳ווערט ערדיש און מ׳פארלירט זיך אין די זאכן . . .

ביי איר טראגיש־שווער לעבן, ווי וואלט זי נאך געקענט אנגיין און ארבעטן צו ביסלעך אן איר פרינץ־אילוזיע? „גרעסן־וואהן“? . . . באגלייט עס דען נישט יעדן עכטן פאעט ווי א לייב־וואך?

ווי לאנג דאס אלץ האט געדויערט? קוים צוועלף־פופצן חדשים. אבער איך האב דאך געמוזט גיין אין שפיטאל אריין. די געלבזוכט איז טאקע האמא־אין־פסיכאפאטיש ארויס פון מיינע אויגן, איז אלץ פאמעלעכער, פאמעלעכער אריין אין מיין גאנצן גוף.

ווען איך בין ארויסגעקומען פון שפיטאל, האט מיין פארלעזערין זיך געמוזט צוריקציען פון איר ארבעט אין דער שולע מיט א לונגען־קראנקהייט און זיך געזעגענען מיט דער רויכיקער און רוישיקער כרך־בערלין אויף לאנגע, לאנגע חדשים.

ס׳האט זיך ווידער אנגעהויבן איבערחזרן דאס פריערדיקע כף־הקלע לעבן. אבער אז ס׳איז מיר דאך געלונגען אנצושרייבן אין יענע ערשטע טעג דעם „ר׳ אבישל דער ליכטיקער“, וועגט עס דאך איבער די שאל פון אלע שוועריקייטן.

ווי „דאס פישער־דארף“ איז מיר געווארן לייב פון מיין לייב, איז מיר דער „ר׳ אבישל“ נאך נענטער געווען; ווי לייבהאפט אויף מיין כזיתל ערד יאן אין מארושיא און מיינע פערד און רינדער, איז דאך „ר׳ אביש דער ליכטיקער“ געווען א שטיק פארהוילנס פון מיין איך — מיין במקום שטעטל.

אן איבערזעצונג איז געדרוקט געווען אין דער „יודישער רונדשוי“ פון עטא פעדערן־קאלהאוז. א צווייט מאל אין א דייטשן. זשורנאל מיט צייכנינגען. דער אריגינאל איז פארקומען מיט אסך פון מיינע כתבים אין היטלער־דייטשלאנד.

נישט איך בין בכוח אויפצואוויקלען יענע עפאכע מיט פופציק יאר צוריק, ווען דאס ווארט „סובלימירן“ און דאס ווארט „רעלאטיוו“ זענען אריין אין טאג־טעגלעכן געברויך פונקט ווי כ׳בין נישט ביכולת צו שילדערן דעם אייפבראיז פון יענע רעוואלוציאנערע יארן — עס וועט זיין ווי א שטורעם אין א גלאז וואסער! וואס איך וואלט יא נאך געוואלט פארצייכענען זענען עס די פאר מיילן־שטיינער אויפן וואגל צו מיין ליד.

א שנעק, א טשערעפאכע ארויס פונם הייזל וואגלט עס שטיל אויף זיין וועג; דער מדבר, דער מענטש, הייבט אן צו דיסקוטירן, צו שאפן טעאריעס, אילוזיעס . . .

אין מיין „ר׳ אבישל דער ליכטיקער“ האב איך ס׳ערשטע מאל דערפילט א צווייט נפש ווי מיין אייגענעם און דאס איז האך, מסתם, דער תכלית פון שרייבן ווי פון לעבן די ליבשאפט — דער תוך־תוכן פון מענטשליכן זיין.

אין אפשר איז דאס אויך נאר גדלותדיקער, אדער שפלדיקער איך־פארשטעל אין פרעמדע מאנטלען?

בעסער אויפהערן און איבערגיין צו עפעס ממשותדיקס!

ס׳איז ארום דער מיטאג־שעה אין ראמאנישן קאפעע. פון אונזערע איז קיינער נישטא. פלוצלינג, ווי אמלאך פון הימל אראפגעפאלן, באווייזט זיך נאמבערג. מ׳זעט אקארשט פון צוג, דירעקט פון ווארשע.



יא, יעדער האט זיך זיינע אילוזיעס, אפילו דער ניכטערנער נאמבערג: דא, איצט וועט ער זיינע עולן פון זיך אראפווארפן, ווי א ווילדע קאטשקע וועט ער זיך אויפהייבן און געבן א פלי — ווי לאנג איז דען ערשט פון זיין „פליגלמאן“? תמיד ווען ער קומט האט ער ליב צו דערציילן ביי „זיין טישל“ פון זיין ליד, פונם סכנת־נפשותדיקן געקלעטער אויף די שווייצער־בערג־ארויף צו דער „יונג־פרוי“. . .

מיד איצט פון דער לאנגער נסיעה, וואקלט ער צו צו זיין טישל כאפן א קאוועלע. ס׳ציגארעטל אין מויל, ס׳וואלט געווען ס׳לאקאמאטיוול פארויס . .

מסתם ווארט זי שוין אויף אים אין דער „קאווערנע“! עס ציטערט אים א קני? א קאוועלע איז תמיד דערצו גוט . . .

כ׳זע אים אפאטיש־מיד זיך אנידערזעצן און איך כאפ מיר פריילעך אויף!

פאר מיר א יז ער נישט א שרייבער צו כאפן א מוטל, א רכילותל — פאר מיר איז ער ווארשע, די פוילישע יידישע שרייבער — פאר מיר איז ער הערש דוד נאמבערג.

איך שטיי ביי „זיין טישל“, קוק אויף זיין קלוג־פארשנירלט שמייכעלע און כ׳הער ווי ס׳ריינגלט פונם רויכל:

„און איר האלט טאקע דא אויס? און אפשר זייט איר גאר גערעכט . . . און וואס מאכט דא אונזער אוקראינער? ער שיקט רק יענעם הארטן אהין . . . מהיכא תיתי“.

איך ווייס ווען ער מיינט און איך מאך מיך כלא ידע און פרעג מן־הצד: „וואס טוט קולבאק?“

דאס שמייכעלע אויף די פארצויגענע ליפן פארציט זיך אין א רויכיקער גרימאסע:

„וויפל נחת כ׳האב נישט פון אים, אבער א ליטוואק אן איינגעשפארטער — סוף כל סוף האב איך מורא וועט עס אויסגיין צו זיין הארטן קאפ“.

ער רופט צו דעם „אבער“, וועלכער „וויטעט“ זיך מיט אים און כאשטעלט צוויי שווארצע קאוועלעך.

כדי נישט ווידער ארויף אויף דער ווייאידיקער טעמע, הייב איך אן: „נאמבערג, אפשר פאר א קנוח־סעודה פארלייענען אן אקארשט־אפגעבאקענע זאך?“. . און שוין ציטערט „ר׳ אבישל“ אויף מיין האנט.

געוואלט כאפן אפאר מאל א בליק אויף זיין פנים אינמיטן לייענען און דערזעען זיין נערוועז קייען פונם מונדשטיקל, און איבערגעריסן אינמיטן לייענען.

„האבן מיר נישט אין אונזער פוילן אזעלכע ר׳ מאירלעך? מוזט איר זיי ערשט שלעפן ביי דער בארד פון פרעמישלאן? האבן מיר נישט א ר׳ יצחקל ווארקער? און אז דווקא א ר׳ מאירל — איז אפט!“

כ׳דערמאן מיך, אז ביים אנהייבן לייענען האב איך נישט אנגערופן דעם נאמען פון דער זאך, און אין די ערשטע זייטלעך פיגורירט אינגאנצן נישט ר׳ אבישל, און אז ר׳ מאירל איז סך־הכל דער קעגנשפילער—כ׳שווייג אבער.

ער רופט צו דעם „אבער“: „ביטע צוויי קאפע“. און פאררויכערט מניה־וביה א פריש ציגארעטל — אפשר האט ער געמערקט, אז איך קוק צופיל אויף זיינע סמוטנע־פארשנירלטע ליפן?. . .

„ווייסט איר, מיר וואלטן גארנישט אויסגעהאלטן ווען ס׳וואלט נישט געווען האס־א“. און איך האב נישט געוואוסט וואס ער מיינט: צי דאס ציגארעטל, אס ער האט געהאלטן צווישן די פינגער, צי דאס קאוועלע, וואס דער „אבער“ האט צוגעטראגן; צי אפשר גאר דאס־א וואס איך האב נישט דערלייענט . . .

— המשך אין קומענדיקן נומער —

## ים שפּריצן

נישט דיך צו באַוווּנדערן געקומען איצינד,
איך בין געקומען מײַנע ווונדן צו היילן;
פֿאַרשוויגן, געבויגן זיצן דיר צופֿוסנס —
מײַן בליק, טרויעריק־שטיל, אַלצדינג שוין דערציילן.
אויב איין טרער פֿון אויג דאָך אין דיר אַרײַנפֿאַלן,
ז׳וועט זײַן פֿון אַ גאַנצן ים — נישט אויסצוציילן.

### 1. ביים ברעג . .

האַרך עפּעס ציילט זיך געניי אַפּ,
טריט־געשאַרך האַלט אין איין קלאַפּן;
באַלד וועלן הענט, צוויי צעשטראַקטע,
ביים גאַרגל ווילד מיך אָנכאַפּן.

נאָך איי ן רגע, נאָך איין טראַט בלויז,
און מיט מײַנעם זיך אויסגלײַכן;
שוין הער איך דעם שווערן אָטעם,
כ׳שפּיר דעם הויך פֿון הויכן פּרײַכן.

עמעץ גייט מיר נאָך פֿון הינטן,
אָדער איז עס גאָר מײַן שאָטן?
זון אין צעניט! און ס׳איז דאָך נישט
זומער, זי זאָל אַזוי בראָטן?

מורא דעם קאָפּ אויסצודרייען
אָבער וואָס ווען און נאָך איידער — —
הינטערוואַלעכס אין ים אַרײַן,
מיט כּוח שוין, ר׳טוט מיך אַ שלײַדער.

איך שטיי, דעם קאָפּ שטיל אויס איך דריי,
אַ היץ ס׳וואַלט מיך הייס באַשלאָגן —
אין מײַן האַרץ טיף הער איך די שריט,
ווי פּלינק, ווי ריטמיש זיי יאָגן.

אַרום האַלדז ווער? אַרום פּעדער,
ס׳קראַמפּן זיך גאָר מײַנע פֿינגער!
כ׳עפֿן אויף פֿאַרגלייזט די אויגן,
ממש ס׳גאַרגלט זיך אַ זינגער —

אַזוי אַפּנים ס׳ליד נאָך הײַנט,
מיט לעצטן כּוח אָנגעשריבן —
ס׳האָבנ׳ס די וועלן פֿערז נאָך פֿערז,
דורך מײַן בלוט ברויזיק געטריבן.



צו בלײַבן אַ רגע נאָך מיר,
ווי דער שוים אויף ברעג געבליבן — —
און אפֿשר פּערל אויף דנאָ,
גאַט׳ס האַנט אים צונויפֿגעקליבן?

### 2 דער הונט ביים ים

אַ קאַלטער טריבער טאָג, מ׳זעט קיין מענטש ביים ברעג,
און דער ים ווי אַלעמאָל גייט אָן אויפֿהער;
אויפֿן נאַסן זאַמד קיין סימן פֿון אַ טריט —
ראַפּטום, אַ מין פֿריידיק ניסל איך דערהער.

אַ הונט! דער זעלביקער וואָס פֿאַר צוואַנציק יאָר!!
ווי איז עס מעגלעך? זײַן אייניקל מסתּמא?
בין איך נישט אפֿשר אויך מײַן אייניקל גאָר!
ווי ייִנג, ווי כ׳שפּרינג — כ׳שעם מיך פֿאַר גרויז־גרויען ים!

עפּעס פּלאַפּלט ער, ר׳מוסרט דער אַלטער נאַר —
מיר ביידע צוויי גלגולים אויף כּף־הקלע!
פּייפֿט אַ שטורעמווינט, פּאַכעט ווילד אַ רעגן?
צוויי רוחות וואָס טאַנצן צום בייטשן־געקנאַל —

* *

ביים היימגיין, דעם לאַנגן רעגנבויגן־וועג,
ווי האָט ער זיך געלאַשטשעט שטילינק צו מיר;
צומאַרגנס האָט ער מיך אין דער זעלבער צײַט,
אָפּגעוואַרט מיט יענעם ניסל ביי מײַן טיר.

### 3 זון פֿאַרגיי

דאָ גייט די זון נישט פֿינסטער אונטער,
צו טבֿילה גייט זי דאָ אינעם ים;
ווי ער שוידערט, פֿאַרליבט ער וואַרפֿט זיך,
אַ גאַנצע נאַכט ר׳איז מיט איר צוזאַמען.

און ווי לויטער, ווי לוסטיק פֿריילעך,
זי וועט דאָס מאָרגן פֿון ים אויפֿגיין —
אַזאַ נאַכט נאָר אָן איין־איינציקע,
פֿון אַ הייס געליבטן מעג קאָן זײַן.

### 4 אַ באַגין

ווי וואונדערלעך דער גאַנצער הימל ווערט
ווען זון־אויפֿגיי אונטער וואַלקן זיך באַהאַלט;
ווי מיט אַ קינד זי שפּילט זיך מיט דער ערד,
בליקל איר צוואַרפּנדיק דורך אייגל־שפּאַלט.

מיט לעצט בלעטל אויף קאסאקא צווייגל
ווינקט זי פריילעך איר צוריק: „קו־קו! קו־קו!“
דער ים, זי מקבל־פנים צו זיין,
לייפט ווילד, א כוואליע־צעשוימטער, צו ברעג צו.

## 5 זון־אויפגיי־געזאנג

אייבן די לבנה
זעט נאך זילבערדיק אויס,
און הינטן שוין די זון
אזוי גיין־גאלדן גרויס.

פארטרוימט עפנט זיך אויף
ימיק אויג, אזא בלוי׳ס;
זע, פון טיפן הימל
פליט א פויגל ארויס.

א צווייטער פליט אים נאך
פון א פעלזיקן שפאלט;
איידער קוקסט דיך ארום,
א זינגענדיקער וואלד.

די גאנצע וועלט איין כאר —
ווי עס קלינגט, ווי עס שאלט!
הער, צום ריטם דער טוי
טיף אין זאמד ארײַן פאלט׳

ווערן די כוואליעס שטיל,
אפגעשטעלט זייער גאנג?
הארכן זיך זיי אויך צו
צום זוניקן געזאנג?

פארגעסן גאנצן צער,
מינדסטן צארן־געזאנג;
אן אייביקע רגע —
בלויז, אבער אויף ווי לאנג?

## 6 א שיף אויפן ים

פעדעם־געדריווול כוואליע־געלויף,
הימל און ים א וועב־שיפל פארוועבט;
דער שוים — ווייס־זיידענער זוים אויף ברעג
מיט ווייסער מעווע ווער ווייסט וואו פארשוועבט.

איינגעהילט אין נעפל־געפלאנטער,
פארהוילן, פארוויקלט סוד פון דער וועלט;
ערשט גאר מיט טרוים אינמיטן דער נאכט,
ווי לבנהש פארשלייערט, וואלקן־פארשטעלט.

דאס וואלגערן זיך די לאנגע נאכט!
דאס ווארפן זיך עס נעמט גארנישט קיין ענד!
און קומט שוין אן דער קלארער באגין,
ווערט ער ערשט פון פלאמיקער זון פארבלענדט.

פון ווילדן מעוועך־געוואלדעוועך
ווער שוין אן ענטפער ארויסגעפונען?
איז טאקע גאנצער סוד פון לעבן
וואס זאטערן ביסן רק געפונען?



## 7 נאוועמבער מעווען

א ווילדער שטורעם מיט א רעגן,
ווינדן פון אלע זייטן בלאזן;
צווישן די צעשריגענע מעווס —
געבייזער, געזידל, ירגזון.

איז עס א קריגן זיך, א כעסן,
אדער גאר אזא גאט־געלעסטער:
מיט שניי און פראסט א ווינטער קומט אן,
און ווו זיינען זייערע נעסטער?

שווארצע וואלקנס, שוים־ווייסע כוואלעס,
א ווילדער שטורעם מיט א רעגן;
עס פיאנען צעשפיצטע די שנאבלען.
פון זידיק צעקאכן אויפרעגן:

„אונטער אונז בייז־ברויזנדיקער ים,
איבער אונז כמארעס מיט זאווייען,
א וווּנדער מיר פארשעלטן די וועלט,
און שרייען אויס אונזערע ווייען?

## 8 וועלן־געפלאפל

— „וואס ארבעטסטו אזוי טאג און נאכט
און הערסט נישט אויף צו רוישן און ברויזן?
מיט דיין כעסן דיך, דייך געבייזער
אזוי געוואלטיק, וואס ביסטו אויסן?“

— „נישט קיין געטריף פון וואסער־טראפן,
א געזאמל כ׳בין פון מענטשן־טרערן,
אן אויפהער אויף דער זינדיקער ערד,
פון וויינענדיקע פארגאסן ווערן.

„גיב דאך נאר א לעק דו, בן־אדם,
און דערשפיר ווי געזאלצן זיי זיינען!
פארגאסענע פון מענטשן־אויגן,
וואס הערן קיינמאל נישט אויף צו וויינען׳

„יא, טעג און נעכט, יארן און יארן,
צו ברויזן מיר וועלן נישט אויפהערן,
ביז דאס טייערינקע ערדעלע
אינגאנצן א צעשטערטס עס וועט ווערן.

„זעסט דעם שטאַרקן, הויכן פעלזן אויבן,
אויף פּראַך־שטויב מוזן מיר אים צערייבן,
ביז פון אים אַ זעמדל אויף זעמדל,
קיין סימן פון אים נישט איבערבלייבן.

„דערנאָך יעדעס מינדסט פּראָכל וואַשן,
רייניקן ביז לויטער עס וועט ווערן —
אַ שפּאָגל נייע ערד מיר וועלן
אײַפשטעלן — אָן געוויינען, אָן טרערן".

בלייב איך שטיין סמוטנע איבערן ים,
שאָקלענדיקן קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
און אין ברויזנדיקן ים אַריין
טריפן טרויעריקע מיינע אויגן:

„יאָ, אייביק אַזוי ס'וועט אַרבעטן
און קיינמאָל צו ברויזן נישט אויפהערן,
ווייל ווי נאָר אַ פרישע ערד ס'זעט זיך,
וועט ווידער טריפן מענטשלעכע טרערן".

9

. . . און אַז איך וועל מיך אַריינוואַרפן —
צו זיין כ'וועל אַלצדינג נישט אויפהערן!
אומשטערבליך נעבעך כ'וועל נאָך ווערן —
מתים אומשטערבלעכע זיי דאַרפן!

טאָ ווי לאַנג כ'קאָן נאָר ווייטער ציען,
אַ שלעפּ־שיף משאות באַלאָדן,
אָנקומען צום ברעג אָן שום שאָדן,
אויעקפאַלן מיטן אין מיען.

מיין ווידוי — ווילד וואָיע גערעווע,
פון אַ גרוי־צעשריגענער מעווע,
אין חשון־הימל כמאַריק־בלייכן —

לעצט ליד געכאַרכל, אַ כליפּ־געכריפּ,
מיט גסיסה־פּיאַנע אויף דער ליפּ —
כוואַלע־שוים אויף ברעג ביים הערגרייכן.

10 געזעגן-ליד

מ'האָבן ביידע קיין אַנדרע ברירה,
דו אַ ווילדער — דיינע וועלן טרייבן



און איך מיט מיינע לעצט כּחות
שרייבן און שרייבן און שרייבן.

ווי דו נישט פאַרשוימסט, ווינט צעפּלאַשעט —
אויף דיינעם תהום פּערל מ'טוט קלייבן!
וויפל מיין שיר נישט פאַרלוירן גיין,
אָן אַ שיעור אַלץ ס'זאָל נאָך איבערבלייבן.

איז הען דאָ אַ שיעור? אין איין שורה
און ס'גאַנצע לעבן דערין צו פאַרלייבן —
ווי אין איין טראָפּן דער גאַנצער ים!
לעצטער קאָפּ כּוח נאָר צו קענען גלייבן.

פאַלט זידיק אַ טרער אין אים אַריין — —
ווי ער בעמט צאַפּלען צאַרניק זיך הייבן —
צעפּלאַשעטע גריוועס, ציין צעגלאַנצט,
לויפן ווילד אָן ברילנדיקע לייבן —

מ'האָבן ביידע קיין אַנדרע ברירה,
תמיד אויפסניי ווידער אָנצוהייבן:
דו מיט דיין ברויזן, מיט דיין שוימען,
איך — מיינע לידער שרייבן און שרייבן.

סעמיול לואיס קאָנוועלעסענהאַוים,
וואַלטן אָן דע נעז באַוועמבער 1971

## „די פּינסטערניש" אין קאַצק

אין קאַצק לייגט מען קיין קוויטל, מ'נעמט קיין פּדיון —
אַ לחיים „לא ינום ולא יישן"!
„אותות ומופתים באדמת בני חם",
ניסים וואַלגערן זיך אונטער די טישן.

ווי מ'ציטערט דאָס פּאָר גיין אויף אַ נסיעה —
ער וועט דאָך אַלץ פון פּנים אַראָפּלייענען!
דעם שמץ פון זינד וועסט נישט אַראָפּוואַשן,
מיטן גאַנצן שער־הדמעות געוויינען.

איז קומען קיין קאַצק אויף שבת־בראשית,
אַ מנהג מקדמונים שוין געווען;
אַז אַלע חטאים אָפּגעמעקט זענען,
זאָל ער זיי פונעם שטערן אַראָפּלעזן —

ווי האָט מען דאָס געציטערט פאַר זיינס אַ בליק,
ערשט פאַר אַ וואָרט פון זיינע שאַרפע ליפּן!

אבער אצינד — (נאך הושענא־רבה שוין,
זיין קוהלת — א קינד זיך צו צעכליפן.)

די קאלפאקעס נא־באקו, שיף אויף די קעפ,
פא קאזאצקאמו, אין דער קרום פארקראכן!
א קאזארמע, להבדיל, ס׳בית־המדרש
פרייטאג צו נאכטס נאך די הייליקע וואכן

„אשת חיל״, די מארשן ביי די טישן,
ווי וואסער ממש דער י״ש זיך גגאסן;
ווען תורה דער רבי געגומען זאגן,
פייער־פלאמען זיינע אויגן געשאסן.

יענעם לעצטן שבת, ווער אים פארשטאנען?
א פחד אלעמען ארומגענומען —
ס׳שטריימל פלאשעט צווישן די גריווע־וויעס,
ס׳קול — א ווילדער לייב אין וואלד געטון ברומען:

„. . . דאס הבלדיקע, יענס קין־מעשהלע
מ׳האלט אין איין מעלה גירהן און פארדייען,
און דער תקיף בלייבט תמיד דער גערעכטער,
דער שטארקער — דער וואס האט ס׳שארפסטע כלי־זין״!

„די חתימה פון גאטברוך הוא איז דאך אמת,
טא וואס־זשע איז נאך דא אסך צוברייען:
פערציק יאר ווי כ׳בין מעיין, כ׳ברעך מיר דעם קאפ,
זאג איך אייך, יידן, לית דין ולית דיין!״

אין יענעם שבת־בראשית דער קאצקער,
ס׳ליכט פארלאשן אינמיטן זמירות זינגען;
דער איזשביצער פון אימה, נישט פון דער הויט,
פשוט פונם פענסטער ארויסגעשפרינגען.

אין יענער רגע וואס זיך נישט אפגעטון!
א ווילדער שטורעמווינט אין די איך־סופן;
דער ווארעקער, נעבעך, געבליבן זיצן,
שטיל אין זיך — וואו דער פעפער וואקסט אנטלאפן.

יענער מיטן תהילמל תמיד אין דער האנט,
זיין יללה ס׳ארון־קודש אויפגעריסן;
און דער כעסן, דער פאריסאווער פרוש
מיט פויסטן אין קאפ מלקות זיך געשלאגן.



ווי פון טויזנט און איין צעפלאטערטן רוח,
דער שאלאש צעהילכט פון הילכיקן לאכן;
און ער ווי גערעדט צום שאטן אויף די ווענט,
פון עכא דער באלטן, כאטש איינצוקראכן:

ארבע־מיתות ווערט אזויס צו דערלעבן!
אבער זע, ווער ס׳איז געבליבן — איז געבליבן!
און מיט נאך גרעסערער אהבת־נפש,
ווי אמתדיק, קיין האר איבערגעטריבן.

די „האלאטע״ פחדנותדיק אנטלאפן!
זאלן זיי לויפן, די הייליקע לויפער —
בעסער ווי א געמאכט צדיקל אין פעלץ,
אן אמתדיקער, ערלעכער כופר —

א ליכטיקע רגע? א פינסטערע אייביקייט?
ס׳האט זיך געצויגן, געצויגן, געצויגן —
וואס גרויער די חושך־פארקאלטנטע בארד,
אלץ ווילדער די פייערדיקע אויגן —

און אפשר איז קין גאר גערעכט געווען?
צעאקערט זיך דער שטערן אין פינסטערע פאלטן:
די ערד מיט דער נאז גראבט, ביימער קארטשעט!
און גראד האט ער די האק אין האנט געהאלטן — — —

„וואלט איך נאר געהאט ארום מיר צען יידן,
שטייען אויף דאך אויף קאפ קאפוסטע בלעטער,
און שרייען, ד׳ הוא האלוקים —
א חוץ אים נישטא קיין אנדערע געטער!!״

זע, דער אחרית־הימים איז שוין געקומען!
נאר וואו דער קאוואל די סאכע צו שמידן?
שפריצן די פייערדיקע פונקען
און ס׳הארץ — דער ירמיה־טאפ ס׳קאכן אונזידן:

איטשע־מאיר, מיט זיין גראבן פינגער,
ס׳דינסטע הערל אויף צען האר נאך שפאלטן —
מיט ק״ן טעמים א שרץ מטהר זיין —
לוינט אזא עולם־הזה אויפצוהאלטן?

די פארסרחהטע וועלט ווי זי שטינקט, און ער
ערגסטע סרחה וועט ער דיר כשר מאכן —

דער קאפ נעמט זיך מישן ווען ער נעמט זיך וואַרפן
זיינע מהרש״אן, מהרש״לן, ש״חן.

ביים שאכמאט מיט בלינדן בונם געזעסן,
דאס ניגונדל זיינס געטומען שטיל ציען —
די אדערן פון לייב האט ער געצויגן!
באטש לויפן צו אוהל איצט ר׳זאל זיך מיען:

בונם, בונם מיין ליכטיק אויג אין מיין קאפ,
אין אזא פינסטערניש ווי מיך געלאזן?
איין קוק אויף דיינע הארכנדיקע ליפן,
און פשוט געווארן רזין דרזין — —

אז דאס האב איך געוואלט משיחן ברענגען,
וויל ס׳איידעמל מיינט מיר דווקא אייברײדן;
און סכנת־נפשות איז דאך דוחה שבת,
כולו חייב און די וועלט — א גן עדן.

ווי מען דרייט זיך דאס ארום ס׳גאנצע לעבן,
ארום דעם אמת און מיט כל־הקיצן
זיך פון אים ארויסצודריקען רק מען וויל — —
ווי די טויזנט אויגן אויף מיר איצט בלינצן!

אפנים ער ווארט איך זאל ווידוי זאגן —
אויף כף־הקלע נאך מ׳מוז גיין פארן אמת!
דא האסטו עס ס׳ביסל עפר ואפר,
ביסט דאך ג׳אטס שליח — זריזות, נעם עס!!

עולם ארום — א פארגליווערטע מויער,
דאס קלאפן פון די הערצער קוים צו הערן,
זייגער פארן אפשטעלן רגעס ציילט נאך,
אברהמעלעס שווערע „אגלי־טל״־טרערן.

ראפטום דרייט ער זיך אויס, זיינע צוויי אויגן
אונטערן העם געהעמערטן, שווערן שטערן,
צוויי אנגעצונדענע שבת קודש־ליכט,
ווילד־אויפצאנקענדיק אין פארלאשן ווערן:

„די נשמה וויל, פארגעבן, ארויסגיין,
עפנט דאך ברייט אויף דאס פארמאכטע פענצער״,
— ביים לעצטן ווארט די ט שוין טויט־שטאמלענדיק —
אפגעריסן נאך ציצה אונטער שפענצער—

* * *



א חושך איבער קאצק זיך אראפגעלאזט,
לעצטער חסיד, ספאדיק איבער די אויגן;
א משתין־בקיר אויפן בערעק פאמניק,
ס׳קאצקער „קאוואל־ליד״ אבלדיק פארצויגן:

„אמאר קאוואל״* און ווער וועט אצינד קאווען
די בלוטיקע שווערד אין אקראייזן?
מ׳האט דאך שוין געמיינט וועסט ברענגען משיחן
און פון ביטערן גלות אונז אויסלייזן?״

באוועמבער 16־18, 1971

נעט רובין

## יידישע טעאטער - אמאטארן אין לאנדאן

פון מיין יוגנט אן בין איך געווען א ליבהאבער פון יידישן בוך און פון יידישן טעאטער. מיין הויפט־אינטערעס איז תמיד געווען אין אמאטארן־שוישפילער, וואס זענען אייגנטלעך געווען אמאל די סאמע גרינדער פון א יידיש טעאטער. פארשטייט זיך, אז דאס גייט צוריק אזש צום אנהויב פון 18טן יארהונדערט.

א גרויסן דאנק זענען מיר שולדיק ד״ר יעקב שאצקי פאר זיין וויכטיקער ארבעט אויף אט דעם געביט און פאר זיין צונויפזאמלען די געהעריקע דאקומענטן פאר דער געשיכטע פון יידישן טעאטער. דערפון לערנען מיר ווי די אויפפירונג פון דער ערשטער פורים־שפיל, „אחשורוש״, איז געווען פון א קלעזמער, א זאטלער און א ישיבה־בחור צוזאמען מיט צוויי מיידלעך. דערנאך ציט זיך שוין א קייט פון אמאטארן־גרופעס ביז דער תקופה פון אברהם גאלדפאדן; וואס אפילו גאלדפאדן אליין האט אויך אנגעהויבן מיט אמאטארן, — חזנים און משוררים! — וועלכע האבן אויפגעפירט זיין ערשטע פיעסע אין יאסי און אין בוקארעשט.

פראפעסיאנאלע יידישע אקטיארן האבן אין די דעמאלטיקע יארן נאך נישט עקזיסטירט און א טעאטער־סטודיע, וואו אויסצובילדן אקטיארן פאר דער יידישע בינע, אודאי און אודאי נישט. זענען טאקע אלע גרויסע יידישע בינע־קינסטלער צו יענער צייט ארויסגעקומען נאר פון די אמאטארן־גרופעס!

צום באדויערן איז קיינעם פון די היסטאריקער פון יידישן טעאטער נישט געלונגען פעסטצושטעלן מער ווי בלויז אייניקע נעמען פון אמאליקע אמאטארן־שוישפילער. אט די קליינע צאל נעמען האט זיך, אן ספק, פארדינט א חשובן פלאץ אין דער געשיכטע פון יידישן טעאטער.

* נאכן קאצקערס פטירה פלעגן חסידים זינגען א ליד, „אמאר קאוואל״, צו דער מעלאדיע פון א פויליש פאלקסליד, „אמאר מאטשעק, אמאר״.

ייִדיש טעאַטער אין לאָנדאָן הייבט זיך אָן כּמעט אין דער זעלביקער צייט, ווען גאָלדפאַדן אָרגאַניזירט זיין אייגענע אַמאַטאָרן־גרופּע. די „בראָדער זינגער" האָבן שוין דעמלט געהאַט אַ שם אין דער וועלט.

אַ גרויסער שטראָם עמיגראַנטן איז געפלאָסן אַהער קיין לאָנדאָן פון רומעניען, רוסלאַנד, פּוילן און עסטרייך. די אָנגעקומענע דאָ האָבן ביסלעכווייז נישט בלויז זיך גענומען איינאָרדענען, נאָר אויך שאַפן עפּעס אַ קולטור־געזעלשאַפטלעך לעבן. עס האָבן זיך גענומען גרינדן גרופּעס פון טעאַטער־אַמאַטאָרן און קופּלעטן־זינגער, וועלכע האָבן פון צייט צו צייט אָרגאַניזירט קאָנצערטן מכּל־המינים און אויפגעפירט איינאַקטערס, וואָס אַ טייל פון זיי איז געווען איבערגעזעצט פון ענגליש אויף ייִדיש. לאָקאַלן האָבן אין דער איסט־ענד נישט געפעלט, האָט מען טאַקע אָפּגעדונגען אַזעלכע פאַר אָט די צוועקן.

אַזוי איז דאָס אָנגעגאַנגען דאָ־הי אין לאָנדאָן ביז צום אויפשוואונג פונם פּראָפעסיאָנעלן ייִדישן טעאַטער אין מזרח־אייראָפּע. מיט דער צייט זענען געוויסע ייִדישע אַקטיאָרן, פון די ערשטע גרויסע פּראָפעסיאָנעלע, אויך געקומען קיין ענגלאַנד ווי יעקב אַדלער, סאָפּיע, אַבערלענדער, גאָלוב, ישראל גראָדנער, פרייליין קעמפּנער. זיי האָבן צו זיך צוגעצויגן אַ צאָל פון די לאָנדאָנער אַמאַטאָרן און אַזוי איז שוין אַנטשטאַנען די ערשטע טרופּע פון פּראָפעסיאָנעלע לאָנדאָנער ייִדישע שוישפּילער.

לכתּחילה האָט מען געשפּילט אין קליינע זאַלן און אין ביר־שענקען. עס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט און לאָנדאָן איז געוואָרן אַ גרויסער צענטער פון ייִדיש־לעבן. האָט מען שוין אויך טאַקע געזאָרגט, אַז ייִדיש טעאַטער זאָל האָבן אַ ווירדיקן לאָקאַל אָדער לאָקאַלן. ווייטשעפּל האָט באַלד געקאָנט שטאָלצירן מיטן פּאַוויליאָן־טעאַטער און וואָנדערלאַנד, וואָס איז אייגנטלעך געווען אַ וואָדעוויל. אין יאָר 1921 האָט מען וואָנדערלאַנד איבערגעבויט אויף אַ קינאָ, „דהי ריוואָלי", און הייַנט איז דאָרטן אַ גאָראַזש. העדצו זענען נאָך געווען צוויי אַנדערע ייִדישע טעאַטערס — „דהי עמפּיר" אין מייל־ענד און „דאָס ייִדישע פאָלקס־טעאַטער" אין קאָמערשל רויד.

אַ גרויסע צאָל זער טאַלאַנטירטע ייִדישע טעאַטער־אַמאַטאָרן האָבן געשפּילט וואו ס׳איז נאָר געווען אַ ייִדישער ישוב און זיך גאָרנישט געהאַט צו שעמען פאַר זייערע פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן־חברים.

מען האָט אויפגעפירט ווערק פון שלום־עליכם, מאַרק אַרנשטיין, שלום אַש, ל. קאָברין, יעקב גאָרדין און אַנדערע.

בלעטערנדיק דעם אַלמאַנאַך, וואָס מאַרק מאַרקאָוו האָט רעדאַגירט צו דער געשיכטע פון היגן ייִדישן טעאַטער און אַנדערע שריפטן אויף אָט דעם געביט ווי ייִדיש טעאַטער אין לאָנדאָן פון ש׳ י. האָרענדאָרף, ע״ה, לערנט מען ערשט, אַז אין יאָר 1817 האָט שוין אַ ייִדיש־ענגלישער אַקטיאָר, מיטן נאָמען שטערנבעק, דאָ אויפגעפירט שעקספּירס שיילאָק אויף ייִדיש. נאָך פריער האָט מען דאָ אויפגעפירט פּורים־פאַרשטעלונגען.



מאָריס מייער, גרינדער און לאַנגיאָריקער רעדאַקטאָר פון „די צייט", האָט אונדז איבערגעלאָזט אַ וואָגיק בוך אויף דעם געביט און אויך ער איז נישט אימשטאַנד געווען פעסטצושטעלן דעם אייגנטלעכן אָנהייב פון ייִדישן טעאַטער אין מלכות ענגלאַנד. קאָנצענטרירט ער זיך דעריבער אויף דער געשיכטע פונם פּראָפעסיאָנעלן ייִדישן טעאַטער, וואָס הייבט זיך אָן מיטן יאָר 1882.

עס איז צום באַדויערן וואָס נישט מאָריס מייער נישט מאַרק מאַרקאָוו האָבן זיך גענומען די מי צו פאַרצייכענען כאָטש די נעמען פון די אַמאַטאָרן־זייער טעטיקייט אַליין פאַרדינט עס, אַז זיי זאָלן נישט אינגאַנצן פאַרגעסן ווערן, נעמענדיק אין אָנבאַטראַכט ווי מיר האָבן צו טון מיט מענטשן פון פאַר 1817 ?

האַלטנדיק דאָס ווי אַן אָרט הייליקן חוב, האָב איך געזוכט צו פאַרנאָטירן זייערע נעמען. זאָל עס זיין מיין ביישטייער צו דער געשיכטע פון ייִדישן טעאַטער אין לאָנדאָן. און במשך פון מיינע צוויי און פופציק יאָר דאָ־הי איז מיר געלונגען צו באַקומען די פאָלגנדיקע נעמען:

סעם בערנשטיין, ראובן סאַמינסקי, אייזיק קאָהן, יעקב רובין, איזי בלעקער, זעליג אַפּלבוים, ס. שניידער, אַלטער בורשטיין מאָריס ראָזענקראַנץ, מאָריס סילווערמאַן, שלמה בראָון, אייזיק ראַדאָמסקי, שנייאָווער, סעם סמאָלאָוויטש, מאָררים באָבעצקי, הערי גאָלדרינג, אשר פּרוכט מאַקס ניסנבוים, משה גליקמאַן, אסתּר ווײַנער, שׂרה פרידלענדער, מאַדאַם אַטלאַס, רעבעקאַ דובין, בעקי נאָוויטשעניק, רעבעקאַ מאַטשאַן, בערטאַ מאַטשאַן, אסתּר און רחל שאַפּיראָ, ראָזי גאָלדרינג, אַביגייל גאָלדרינג, סאָניאַ קאַרסאָן, פרייליין ראָם, דזשעני האַט. (און נאַטירלעך אויך נעט רובין — ד.ר.)

אָט זענען די נעמען פון שוישפּילער, וואָס זענען נישט אַריין אין דער געשיכטע פון די פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן:

יעטאַ שיינגאָלד, מאַקס פּערלמאַן, יאָסל טשיזשיק, פּעלאַ פעלד, באַרדזיטשעווסקי און פרוי באַרדזיטשעווסקי, בערנאַרד מענעלעוויטש, מאָררים בראָון, יעקב יאַקובאָוויטש, עפּשטיין, אַלעזר בער גאָלדשטיין, זאַנוול און פרוי ערליך, משה טענצער, די צוויי ברידער האָב זשיניק, יצחק קרעלמאַן און פרוי קרעלמאַן, האַררי אַריאַל.

אָבער ווען מען סוף־כּל־סוף דאָך אָנשרייבן אַן אויספירלעכע געשיכטע פון ייִדישן טעאַטער אין לאָנדאָן וועלן אָט די אַלע נעמען געפינען זייער געהעריק אָרט און ריכטיקע אָפּשאַצונג.

עדיט ראַמזיי

## מיכאל זילבערבערג

אַסך מענטשן פון פאַרשיידענע שיכטן וועלן מיט טרויער אויפנעמען די ידיעה, אַז מיכאל זילבערבערג איז פּלוצלינג געשטאָרבן דער פרי שבת דעם 23סטן אָקטאָבער, 1971.

דער נפטר האָט געשטאַמט פון פּוילן, וואו ער איז געווען אַ לערער פון

בארויף און וואו צוזאמען מיט זיין פרוי, זילבערבערג האט זיך געפונען אין ווארשעווער געטא בשעת דער מלחמה. אט די טראגישע איבערלעבונג האט ער אין לעבעדיקע שטריכן באשריבן אין זיין בוך „א ווארשעווער טאגבוך". ביידע, ער און זיין פרוי, זענען אנטרונען פון יענער שוידערלעכער שחיטה, אין וועלכער עס זענען אומגעקומען אן ערך א האלבער מיליאן יידן אין דער שטאט ווארשע אליין.

א פאר יאר נאך דער מלחמה איז דער לערער, מיכאל זילבערבערג, געקומען אהער קיין ענגלאנד און אנגענומען א פאסטן אלס לעקטאר, צוויי מאל א וואך, ביים „סטעפני איווינינג אינסטיטוט", וואו פאר עלטערע מענטשן ער האט געהאלטן פארלעזונגען אויף יידיש איבער יידישער געשיכטע און יידישע ליטעראטור. אסך פון זיינע צוהערער זענען געווען זער אינטעליגענטע מענטשן — אהערגעקומענע פליטים ביים סוף פון פאריקן יארהונדערט און דא זיך באזעצט אין סטעפני.

זילבערבערג אליין איז געווען אן אנגעזעענער מלומד און געמאכט א וויכטיקן צושטייער צו דער וועלט פון ליטעראטור. זיין מענטשלעכקייט און מיטלייד מיט מענטשן אין כלערליי אומשטענדן האבן אויף אלעמען געמאכט א טיפן רושם. ר׳איז געווען אויך רעליגיעז און טאלעראנט לגבי אנדערע, מיט גרויס מוט. האט באהערשט די ענגלישע שפראך און ליב געקריגן ענגלאנד. דאס זעלביקע קאן מען זאגן אויך וועגן זיין פרוי.

אלע, וואס האבן אים געקענט, וועלן אים זיכער געדענקען סאי אין דער איסט־ענד סאי ערגעץ אנדערש־וואו, און זייער מיטלייד איז מיט פרוי זילבערבערג, זיין לעבנס־באגלייטערין אין זיינע ליידן און אין מלכות ענגלאנד.

## מיכאל זילבערבערג ע״ה

דער פלוצלינגדיקער טויט פונם שרייבער מיכאל זילבערבערג האט אונז אלעמען נידערגעשלאגן. אקטיוו ווי א מיטגליד פונם קאמיטעט פון אונזער זשורנאליסטן און שרייבער־פאראיין, ווי דער סעקרעטאר פונם ייוו״א, ווי א ליבער און נאענטער חבר פון יעדן איינעם — איז דער טויט פון זילבערבערג ע״ה פשוט א ביטערער ריס אין אונזער קליינער יידישער שרייבער משפחה.

פון ערשטן טאג ממש פון זיין אנקומען דא אין לאנדאן ווי א פליט פון פוילן איז ער אנגעגאנגען דא מיט וויכטיקער ארבעט.

ווי „לאקטשערער" ביים „קאונטי קאנצל קורס" פון דער יידישער ליטעראטור, און אונטער די אנפירונג פון פריינט פון יידיש לשון, האט ער צוויי מאל וואך ביי וואך געהאלטן זיינע לעקציעס א שיינע פאר יאר. ביי „די דינסטיקס" און „שבת נאכמיטאגס" איז ער געווען א גאסט צווישן די רעדנערס.

זיך באטייליקט ווי א רעדנער תמיד ביי דער „לעבעדיקער צייטונג" איינגעארדנט פון שרייבער פאראיין און „דעם יידישן וועלט קאנגרעס".

מיכאל זילבערבערג איז געווען איינער פון אונזערע באקאנטע זשורנאליסטן אין לאנדאן א שטענדיקער מיטארבעטער פונם אמעריקאנער „פארווערטס" א.א. יידישע צייטונגען.

אין לעצטן יאר האט ער נאך דערלעבט א שטיקל נחת. זיין אפגעפונען „טאג בוך פון ווארשעווער געטא" איז דערשינען אין אן ענגלישע איבערזעצונג.

דער נפטר מיכאל זילבערבערג וועט אונז אלעמען דא פעלן, אבער בעיקר זיין פרוי וואס איז מיט אים מיטגעקומען ווי א פליט פון ווארשע — אונזער טיפן מיטלייד מיט איר און זי זאל געפינען טרייסט אין איר דעם זכרון פון זיין גוטן נאמען און זיין געטועגע ארבעט — כבוד זיין אנדענקען.



## יעקב גלאטשטיין, ע״ה

לאמיר זיך צוזאם האלטן,
עלטסטער ברודער מער נישטא,
און צומאל יונגסטער פון אונז,
ווער איז נישט אלט און גרא ? —

אז אונטער שטארקסטן רוקן
שאטן פון טויט רוקט זיך שטיל;
זיין מעסער צו פאררוקן
יעדע רגע, ווען ער וויל.

ערגער ווי מורא פאר טויט,
גרויליק גרעסער נאך די שרעק :
פון דער ירושה וואס וועט ווערן
ווען אויך מיר וועלן אוועק ?

מען געדענקט שוין באלד נישט
טאטנס שמייכל, טאטנס קרעכץ;
צומאל פארגעסן דעם טעם
פון מאמעס לעפל געקעכטס.

אלץ אזוי טייער געווען,
צוזאם מיט אונז אונטערגיין ?
האט ער נישט, דאכט זיך, געזאגט :
„אן ייד וועט גאט אויך נישט זיין"— —

לאמיר, לעצטער מנין, כאטש
שטיל ארום זיין קבר שטיין,
צו קאנען נאכזאגן אים
א ברוך שמו, אמן·

## האלב־מאסט..

גייט אוועק ביי אונז א פאעט אצינד,
טויט־אויפגעציטערט מאמע יידיש הארץ;
כאפט געשווינדט אירע הענט, בלייך־פערקראמפטע,
אונטער איר טרערן־נאסער פרומער שארץ.

אין גלי פון די אויגן צעשריגענע,
אויפגעשפריצטער טרערן־קוואל פארצערט ווערט;
ווי ס׳בייסן זיך די ליפן ברוין און בלוי,
אזא אוי־שעפטש נאר גאט אליין נאך הערט :

לעצטן ביסן פון מויל אפגעשפארט,
געוואכט טאג־נ׳נאכט ביז אזוינס איפגעבראכט;
ווי און ווינד, א מעשה זיך אנטון,
אצינד ווען פארלאשן ס׳איז מיין טראכט — —

פארהענגענדיק דעם שפיגל אויף דער וואנט,
אויסגיסנדיק דאס וואסער פאר דער טיר,
אנגעצונדן שוין דאס נשמה קנייטל
צעלאכט זיך משוגע די שפחה אין איר :

„היפלא מד׳ דבר“ — —
פאר הארענטע שרה אזוינס געפאסט !
אצינד ווען מיינס א קינד אומשטערבלעך ווערט — —
און הארץ אירס, צער־צעפלאטערט, הענגט האלב־מאסט.

ש.

יעקב גלאטשטיין

## די לעצטע שעה

פארשאלטן זאל זיין יענע ביינערדיקע האנט,
וואס האט מיר געוויזן מיין לעצטע שעה.
ווי א פארפוילטער איבר האט די שעה זיך געקרישלט אויף מינוטן,
ביז די לעצטע רגע האט געצונדן זיך גרוי און בלא
און באלד ביך איך ניטא.

א קראנקע זון האט נעבעכדיק געלאסטשעט מיין געמיט,
מיט אפגעהאקטן אטעם האט דער זייגער מיינע רגעס טעמפ געציילט.
כ׳האב ארויפגעצויגן אויף מיינע גלידער מיין יום־טובדיקן קלייד.
צווישן מענטשן האב איך מיין קאפ געהאלטן שטאלץ
און א שטאלצער אפגעענטפערט אויף זייערע אונטערטעניקע רייד.

אבער קיינער האט ניט געוואוסט, אז אין די קאמערן פון מיין הארץ
בין איך א שטיקל שטויב וואס האט אנגעטאן, א שטייפן הוט,
א שטיקל שפינוועבס הפקר פאר יעדער ווירבל פונ׳ם ווינט,
א זינדער וואס פייניקט זיך אליין מיט א שווערער רוט,
און טרעט אויף זיך אליין און רייסט זיך פאסן פלייש,
פאר זינד וועמענס אראמאט איז לאנג שוין אויסגעוועפט און ניטא.
ווייל ס׳האט די ביינערדיקע האנט מיר געוויזן מיין לעצטע שעה.

300

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור


נומער 3־1 (העפט 97־395) 33־סטער יאר יאנ.־פעב.־מערץ 1972, לאנדאן


א י נ ה א ל ט


„פארט א ייד קיין ארץ ישראל“, דער וועג ארויף קיין ירושלים א. ב. ג. ירושלים ** 3
ר׳ אלטער וולאשטשעווער (א קאפיטל יוגנט זכרונות) ........ דר. י׳ מייטליס 24
הרב הגאון ר׳ שאול המכונה (פון דער סעריע יידישע טיפן פון אמאליקן
ווייטשעפל) ........ ח. נ. בענקוויטש 26
דער צווילינג (ליד) ........ רות באכנער 30
אילוזיעס, אילוזיעס (המשך) ........ א. נ. שטענצל 30
צו דעם פאלקס מענטש (ליד) ........ יוליאן טובים 30
אין זיך און פאר זיך (צום אנדענק פון יעקב גלאטשטיין ע״ה ש. י. גאלדשמידט 36
דער לערנער פון ליטע (ליד) ........ שמעון ווזעק 38
וועגן דר. שעפלער ........ אייזיק גאלדבערג 38
לאנדאנער קולטור ידיעות ........ 39
אין לייוויק־הויז—בית לייוויק ........ ש׳
דאס פייגעלע אין שטייגל (ליד) ........ הירש אשעראוויטש 40
מוזיק ........ מאיר באגדאנסקי


ידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס — יעדן שבת 3 אזייגער אין בערנארד באראן־סעטלמענט, הענריקעס סטר. 33, א.1.


רעדאקטירט א. נ. שטענצל
פרייז 10 פענס

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע :־
7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

*Published and Edited by A. N. Stencl, 7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*